UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Kheshbn No. 20 - January 1960 - Entire Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/0f31k88b

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 20(1)

**Publication Date**
1960

**Copyright Information**
Copyright 1960 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

# 20

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער ייִדישער קולטור קלוב — און — שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון“

טבת, ה'תש"ך • יאַנואַר, 1960

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט


י. פ.: צום 100 יאָריקן געבוירנטאָג פון שלום עליכם — — — — — — — 3

פ. סאַנדלער: „מיין טייערער פריינט שלום עליכם" — — — — — — 5

מלך ראַוויטש: „מיין טאַטנס קליידער־שאַפע" (פונם מעשה־בוך פון מיין לעבן) 9

מ. פערלמוטער: „דער לעצטער שלייער"; „דיין נאָמען בלייבט" (לידער) 15

פינטשע בערמאַן: „פאַרנאַכט" (ליד) — — — — — — — — — — — 15

לוי גאָלדבערג: „עלטער" (ליד) — — — — — — — — — — — — 16

י. פרידלאַנד: „אונטער אַמעריקאַנער הימלען" (דערציילונג) — — — — 17

ז. בונין: „אַכטער יאָרצייט"; „אין שוואַרצן טו זיך אָן" (לידער) — — 23

ע. פערשלייסער: שין מיללער (אָפּהאַנדלונג) — — — — — — — — — 24

מאַטעס דייטש: פּאַפּערניקאָוו; זלמן זילבערצווייג; חיים באַרקאַן (רעצענזיעס) 28

שמעון וואוזעק: „אַ ביימל אין זאַמדן" (ליד) — — — — — — — — 33

נח גאָלדבערג: חיים פעט (לזכרון) — — — — — — — — — — — 34

ברכה קודלי: „שאָטן" (ליד) — — — — — — — — — — — — — 37

נתן פּאַדעמבערג: „זייאָן נעשאָנאַל פּאַרק" (מיניאַטורן) — — — — — 38

גאָלדע שלאָסבערג אַרפין: „אַ שטראַל ליכט" (דערציילונג) — — — — 41

משה גלאַזער: „דער ערד־מענטש" (ליד) — — — — — — — — — — 44

יעקב זינגער: „אין דער סאַכע ליגט מזל ברכה" — — — — — — — — 45

יצחק ניומאַן: די פּרושים (אָפּהאַנדלונג) — — — — — — — — — 47

א. כראַבאָלאָווסקי: נאָטיצן וועגן יידישער יוגנט אין פאַרשיידענע לענדער 49

א. ש. ווייזעל: „נעכטן און היינט" (ליד) — — — — — — — — — 52

ליטעראַרישע נאָטיצן; נייע ביכער און באַמערקונגען — — — — — 53־54־56


---


## "CHESHBON"

*Review of Literary and Cultural Activities*

**I. FRIEDLAND, *Editor***

רעדאַקציע־ראַט:

**וויליאַם נאַטאַנסאָן און נח גאָלדבערג**



מיט רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צו:

I. FRIEDLAND

4375 Sunset Drive — Los Angeles 27, Calif.

מכוח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט ווענדעט זיך צום סעקרעטאַר:

A. CHRABOLOWSKY

1312 LYMAN PLACE — LOS ANGELES 27, CALIFORNIA



108

# שלום עליכם



## צום 100 יאָריקן געבוירנטאָג פון שלום עליכם — 1959־1859

## ביאָ-ביבליאָגראַפישע נאָטיצן

שלום עליכם איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1859; זיין אָרט פון געבורט — פּעראָסלאַוו (פּאָלטאַווער גובערניע). אויפגעוואקסן אין אַ קליין שטעטעלע, דאָס אמתע קאַסרילאָווקע. די משפּחה זיינע אין גרויסע אַ צאָל און אַ פרומע. דער פאָטער איז געווען אַ טיפּ פון דעם אַמאָליקן משכיל און למדן. צוליב זיינע אויסערגעוויינלעכע פייאיקייטן האָט מען דאָס ייִנגל געגרייט צו זיין אַ רב, נאָר ס'איז אָנגעקומען די עפּאָכע פון „אויפקלערונג" און די צייט האָט אַנדערש באַשטימט: פון אים איז טאַקע אַרויסגעקומען אַ רב, אָבער ניט אַ גייסטלעכער, נאָר אַ „קאַזיאָננער ראַבינער" אין דער שטאָט ליבען, פון יאָר 1880 ביז 1888.

אין אָט דעם פעריאָד (פון רבנות) האָט דער כמעט צוואַנציק־יאָריקער יונגערמאַנטשיק אָנגעהויבן אַרויסצווייזן אַ נייגונג צו שריפטשטעלעריי, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אָנהייב אין עטלעכע קאָרעספּאָנדענציעס, אַרטיקלען אין „המליץ" און אין דער „הצפירה". ניט געקוקט אויף זייער נישט רייפקייט, האָבן זיי אָבער שטאַרק אויסגענומען ביי דער משפּחה, און דער פאָטער פון ש"ע, וועלכער האָט ליב געהאַט די העברעאישע „מליצה", איז געווען „אויפן זיבעטן הימל" און האָט אַלץ צוגעגעבן חשק דעם טאַלאַנט פון זון ווייטער צו שרייבן און נביאות געזאָגט אויף אים, אַז ער וועט ווערן באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט.

אָבער שלום עליכמס חשק צו ווערן אַ שרייבער איז געקומען אַ סך, אַ סך פריער, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל. ש. ניגער ע"ה ברענגט אין דעם ש"ע בוך אַ פּאָר אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן, ווי אַזוי ש"ע האָט פאַרטראַכט צו ווערן אַ שרייבער. אין זיין ביאָגראַפישן ראָמאַן, „פונם יאַריד", וואו ש"ע אַליין איז דער העלד, דערציילט ער אַזאַ עפּיזאָד:

„אַלס קליין ייִנגל האָט ער געהערט זיין טאַטן פאַרלייענען אַ מעשה-ביכל אין יידיש, פון וועלכן דער פאַרזאַמלטער עולם ביי זיין טאַטן אין שטוב האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער. וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ ביכעלע האָט שלום עליכם ניט געקענט זיך דערמאָנען. ער געדענקט נאָר, עס איז געווען אַ ביכעלע אַ קליינטשיקס, אַ דאַרינקס, מיט געלע פאַרשמאַלצעוואַטע, צעפּאַלענע און אָפּגעריסענע בלעטלעך, אָן טאָוועלעך און אפילו אָן אַ פּאָדער-בלעטל. שבת-צו-נאַכט, שרייבט ער, אַלע באַלעבאַטים פון שטאָט האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי ר' נחום וועוועקס (ש"ע'ס פאָטער) אויף מלוה-מלכה. די מאַמע איז פאַרנומען אין קיך מיט „וואָלכישן באָרשט" און דער עולם זיצט אַרום טיש, רויכערט פּאַפּיראָסן און מע קאַטשעט זיך, מע האַלט זיך ביי די זייטן פאַר געלעכטער, און מע אונטערברעכט אַלע מינוט דעם פאַרלייענער, און מע דריקט אויס די גרויסע התפעלות, הויך אויף אַ קול, און עס שיטן זיך „קללות אויפן בעל-מחבר'ס אַדרעס: „אָט אַ ימח-שמו'ניק"! „אַ כל-בו'ניק"! אַ ממזר! אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין! אפילו דער פאַרלייענער קען זיך נישט איינהאַלטן, ווערט שיר ניט דערשטיקט פון געלעכטער! די קינדער ווילן ניט גיין שלאָפן און דער צוקונפטיקער שלום עליכם אַוודאי נישט.

פאַרשטיין וואָס דער טאַטע לייענט — פאַרשטייט ער נישט, נאָר ס'איז אים געפעלן צו זען, ווי יידן מיט בערד קאַטשען זיך, האַלטן זיך ביי די זייטן און שיסן אויס אַלעמאָל מיט אַ געלעכטער. און ער זיצט פון דער ווייטנס און קוקט אין אַלעמענס פּנימער ווי זיי שיינען. און ער איז מקנא יענעם יידן וואָס האָט געמאַכט דאָס ביכעלע, און זיין טיפסטער וואונטש איז, אַז גאָט וועט העלפן, ער וועט אויסוואַקסן און ווערן אַ גרויסער, וועט ער אויך אָנשרייבן אַזאַ מין ביכעלע, וואָס יידן וועלן דאָס לייענען און לאַכן, און וועלן אים אפילו שעלטן אין גוטן מוט, גלאַט אַזוי זיך אין „טאַטנס טאַטן אַריין."

אַזוי, אַז אַלס קליינער ייִנגל האָט ער שוין מקנא געווען יענעם יידן, וואָס האָט אָנגעשריבן אַזאַ ביכעלע, און געמאַכט זיי צום לאַכן, און ער האָט פאַרטראַכט צו ווערן אַ שרייבער און אויך מאַכן יידן צום לאַכן. דאָס האָט באַשריבן שלום עליכם, ווי שוין דערמאָנט, אין ביאָגראַפישן ראָמאַן „פונם יאַריד."

אַגב, אָט-דאָס קליינע ביכעלע, וואָס ש"ע האָט פאַרגעסן דעם נאָמען פון דעם מחבר, האָט י. ד. בערקאָוויטש, ש"ע'ס איידעם, אין יאָר 1915 געפונען איין עקזעמפּליאַר פון יענעם מעשה-ביכל. דאָס ביכעלע איז אַרויס אין זשיטאָמיר אין 1874 א"נ „דער צווייטער אייזנבאַן" פון חיים יאָסעלעס, אין וועלכן עס ווערט דערציילט חכמות פון בעלי-עגלות.

שלום-עליכם פלעגט אויך דערציילן, אַז דער ערשטער חשק צום שרייבן איז אים געקומען דערפון, וואָס ער האָט ניט געקענט גלייכגילטיק צוזען ווייס-גלאַט פּאַפּיר. ער האָט עס געמוזט פאַרשרייבן. די וואָס געדענקען אים פון די פריע קינדער-יאָרן, האָבן צו דערציילן נאָך עפּעס: אַז ניט נאָר ווייס פּאַפּיר

פלעגט ער פאַרשרייבן, נאָר אפילו ווייס־געקאַלכטע ווענט פון די שכנישע הייזער אין זיין געבורט־שטעטל פלעגט „שלום נחום וועוויקס״ יינגלוויז פאַרשרייבן מיט שוואַרץ קויל. אַזוי אַז די פּעריסלאַוער דינסטמיידלעך האָבן אַלע אינדער־פרי געהאַט אַן אַרבעט אָפּצעווישן פון די ווענט דאָס שוואַרץ געשריפטס. דערביי פלעגן זיי אויסלייענען אויפן קליינעם פאַרשייטן ליטעראַט די גאַנצע תוכחה. אַזוי דערציילט שלום עליכמ׳ס אַ יוגנט־פריינט.

יאָ, די נבואה פון ש״ע׳ס פאָטער, אַז זיין זון וועט נאָך ווערן באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט, איז נ א ָ ך ו ו י מ ק ו י ם ג ע ו ו א ָ ר ן ! — שלום עליכם איז געווען און וועט פאַרבלייבן דער גרעסטער הומאָריסט און פאָלקס־שרייבער ביי יידן אומעטום אין זייער צעשפּרייטקייט.

צו זיין ביבליאָגראַפיע איז באַזונדערס ווערט צו דערמאָנען זיינע מעשיות פאַר יידישע קינדער, אָדער די ווערק לכבוד יום־טוב. ער איז געווען דער ערש־טער אין אונדזער ליטעראַטור צוצוגיין צו דער נשמה פון יידישן קינד. ער האָט באַמאָלן פאַר אונדז דעם חדר, די שטיפערישקייט פון יידישן קינד און זיינע יום־טובים, און אַ גאַנצע ריי פּערלדיקע דערציילונגען, ווי: „דאָס מעסערל״, „די פאָן״, „דער זייגער״, „דער יונגסטער פון די מלאכים״, „צער בעלי־חיים,״ „לג־בעומר״ א.א., ווי אויך די סעריע מיט די מייסטערהאַפטע צוויי ביכער פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס״, וואָס ער האָט שוין ניט דערוויזן צו פאַרענדיקן. די דער־ציילונגען זיינען פּערל אין אונדזער ליטעראַטור.

אין דער גרויסער ירושה וואָס שלום עליכם האָט אונדז איבערגעלאָזן וועלן מיר אַלעמאָל קענען זען די נשמה פון אונדזער יידישן פאָלקס־מענטשן. די שטראַלן פון זיין ליכטיקן הומאָר וועלן אונדז וואַרעמען און די זאַפטיקע שפּראַך זיינע וועט אַלעמאָל זיין אַ קוואַל פון וועלכן אונדזערע איצטיקע און צוקונפטיקע קינסטלער וועלן שעפּן באַגייסטערונג פאַר אונדזער יונגער און פאַרצווייגטער יידישער ליטעראַטור.

י. פּ.

**פּ. סאַנדלער**

## מיין טייערער פריינט שלום עליכם

כ׳ווייס ניט ווי ביי אייך, נאָר ביי מיר איז שלום עליכמס הונדערט יאָריקער געבוירנטאָג כמעט ווי אַ פערזענלעכער יום־טוב, ווי אַ יום־טוב אין מיין אייגע־נער משפּחה. ווייל זינט איך געדענק זיך, איז שלום עליכם געווען אַ כסדרדיקער מיטגייער מיינער, אַ כסדרדיקער איינגייער אין מיין היים. ער איז געווען ביי מיר ווי אַ גוטער שכן, אָדער ווי אַ לייבלעכער קרוב, וואָס איר האָט פאַר אים אַ ספּעציעלע ליבע.

און מיינט איר בלויז ביי מיר? — אויך ביי מיין מאַמען, ווען זי האָט געלעבט, און ביי מיין פרוי און ביי מיין טעכטערל, וועלכע איז שוין אַליין אַ פאַרהייראַטע פרוי.

אָט דערמאָן איך זיך די צייט ווען מיין טעכטערל איז געגאַנגען אין שול. זי האָט זייער ליב געהאַט די יידישע שול. ביי איר איז די יידישע שול געווען פונקט אַזוי חשוב ווי די פּאַבליק סקול. און לייענען יידיש האָט זי זיך אויסגע־

לערנט איינס און צוויי. מ'פלעגט איר ניט דאַרפן צווינגען אָדער איינריידן זי זאָל נעמען אַ יידיש ביכל אין האַנט אַריין, אָדער לייענען אַ יידיש מעשהלע. זי פלעגט זיך צו דעם נעמען אַליין. אַז זי האָט דאָס ערשטע מאָל איבערגעלייענט אַ פּאָר קאַפּיטלעך פון מאָטל פּייסי דעם חזנס, איז שלום עליכם געוואָרן איר באַליבטער שרייבער, און מ'פלעגט איר שוין פון שלום עליכמען ניט קענען אָוועקרייסן.

אָט דערמאָנט זיך מיר אַזאַ פאַל: איר שול האָט דורכגעפירט אַ יום־טוב. דער לערער האָט געדאַרפט אויסקלייבן עטלעכע קינדער, וועלכע זאָלן אנטייל נעמען אין דער פּראָגראַם מיט פּאָרלייענונגען, דעקלאַמאַציעס. האָט ער צווישן די עטלעכע קינדער אויך אויסגעקליבן מיין טעכטערל.

— וואָס ווילסטו טאָן, לייענען אָדער דעקלאַמירן? — האָט איר דער לערער געפרעגט.

— איכ'ל לייענען — האָט זי געענטפערט.

— זאָל איך דיר געבן וואָס צו לייענען?

— איכ'ל אַליין אויסקלייבן — האָט די אַכט־יאָריקע „מויד" געענטפערט.

דער לערער האָט געוואוסט, אַז אויף ריטאַן קען ער זיך פאַרלאָזן. האָט ער צוגעשטימט, אַז זי זאָל אַליין אויסקלייבן וואָס צום פאָרלייענען. און אַז דער אָוונט איז געקומען און מ'האָט ריטאַן אויפגערופן, איז זי אַרויף אויף דער בינע, אויפגעעפנט דאָס ביכל וואָס זי האָט געטראָגן אונטערן אָרעם, אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אירע גאָלדענע „פּלעשעלעך" לאָקן, זיי זאָלן זיך אויסלייגן פון הינטן, און גענומען לייענען אַ קאַפּיטל פון מאָטל פּייסי. און געלייענט האָט זי עס מיט געשמאַק, מיט דער געהעריקער אינטאָנאַציע. איך בין זיכער, אַז וואָלט שלום עליכם געווען דערביי, וואָלט ער איר אויסגעקושט אַלע גלידער. אָבער איר קענט זיך שוין פאָרשטעלן, אַז דער עולם האָט געלאַכט (וויל ווען לאַכט מען ניט ווען מ'לייענט עפּעס פון שלום עליכם?) און זיך געפרייט און אַפּלאָדירט. און זי האָט שוין געמוזט לייענען נאָך אַ קאַפּיטל. געזען האָט מען, אַז זי האָט אַליין אַזוי שטאַרק הנאה פון מאָטלען, אַז ווען מ'לאָזט איר וואָלט זי איבערגעלייענט פאַרן עולם דאָס גאַנצע בוך.

און איצט, ווען זי איז שוין קיין עין־הרע אַ גרויסע און פירט שוין איר אייגענע היים, איז ווען זי האָט צייט כאַפּט זי זיך צו צו אַ שטיקעלע שלום עליכם. אַמאָל טוט זי עס אין ענגליש. אָבער אין ענגליש, זאָגט זי, האָט עס ניט אַזאַ טעם ווי אין יידיש. און איר דאַרפט הערן ווי דער „טעם" קומט ביי איר אַרויס. עס איז אַ „טעם" וואָס קלינגט פון דעם אַרויס ליבשאַפט, באַוואונדערונג, מאַמעדיקס.

אָדער אַז עס קומט אַ יידישער יום־טוב, און זי קומט מיט איר מאַן צו טאַטע־מאַמע פּראַווען יום־טוב צוזאַמען, איז, אַז עס קומט אינמיטן דער וועטשערע, אָדער נאָך דער וועטשערע, גיט זי זיך אַזוי אַ זאָג: „טאַטע, אפשר וואָלסטו עפּעס פאָרגעלייענט פון שלום עליכמען?" און אַוודאי לייען איך, און דאָס גאַנצע הויז ווערט דאַן אָנגעפילט מיט אַזויפיל פרייד און געלעכטער, און ס'באַוויזט זיך אויף אַ באַזטיכל אויסצואווישן אַ טרער אין ווינקל פון אויג ביי מיין פרוי און ביי דער טאָכטער. און איך אַליין פיל ווי שלום עליכם שטייט איבער מיר מיט אַ שעלמישן שמייכעלע אויף זיין קלוגן פּנים, הערט זיך צו און קוקט זיך צו וואָס דאָ טוט זיך, און איך הער ווי ער זאָגט: אָט אַזוי, קינדערלעך, האָב איך

געוואַלט: איר זאָלט ניט טרויערן איבער מיר, נאָר מיר לייענען, און אַז איר וועט מיר לייענען וועל איך לעבן — לעבן צווישן אייך און דורך אייך.

איך וואָלט אייך געקענט דערציילן וועגן נאָך אַנדערע קינדערלעך, וועגן אַזעלכע טעכטערלעך און זינדעלעך, וואָס זיינען פאַרליבט אין שלום עליכמען. נאָר דאָס וועל איך טאָן אַ צווייטן מאָל.

אָבער אַ סך יאָרן פריער, איידער נאָך איך בין געוואָרן אַ טאַטע, איז שוין שלום עליכם געווען מיינער אַ גוטער פריינט, און מיין סאַמע באַליבסטער שרייבער. געווען איז עס אין דעם יאָר ווען שלום עליכם איז געשטאָרבן, און אַ יאָר נאָכדעם, אין דער גרויסער רוסישער שטאָט נידשני־נאָווגאָראָד, וואָס איצט טראָגט זי דעם נאָמען פון דעם גרויסן רוסישן שרייבער, גאָרקי, וועלכער איז דאָרט געבוירן געוואָרן. אין אָט־דער שטאָט זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן צענדליקער טויזנטער יידן פון פוילישע, ליטווישע און ווייס־רוסישע שטעטלעך, וואָס זיינען דורך דער צאַרישער מאַכט אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע היימען.

באַזעצט האָט מען די דאָזיקע יידן מיט זייערע קינדערלעך, און מיט די בעבעכעס וואָס זיי האָבן באַוויזן מיט זיך מיטצונעמען, אויף דעם פּלאַץ וואו עס פלעגט פאָרקומען דער אינטערנאַציאָנאַלער יריד — אין די ליידיקע, דעמפּע, מיט ראַצן־פאַרפּעסטעטע ווערהייזער, און אין אויסגעליידיקטע טראַקטירן, אַכסניות און אַנדערע אַזעלכע פּלעצער אין שטאָט גופא. אויפן מזל פון מיין משפחה איז אונדז אויסגעקומען צו וואוינען אַ שטיק צייט אין אַ געוועזענעם טראַקטיר, וואָס איז געשטאַנען כמעט ווי אויפן קרייצוועג פון דער שטאָט, מיטן וועג צום האַפן, און פאַרביי אונדזערע פענצטער פלעגן יעדן טאָג פאַרביימאַרשירן זינגענדיקע סאָלדאַטן, וועלכע מ׳האָט אָפּגעשיקט צום פראָנט, און ביינאַכט פלעגן מיר אויפגעוועקט ווערן פון דעם געקלאַנג פון קייטן אויף די פיס פון קאַטאָרזשאַנעס, וועלכע פלעגן, באַוואַכטע פון צענדליקער באַוואָפנטע זשאַנדאַרן, געפירט ווערן פון און צו טורמעס און פאַרשיקונג.

אין אָט דעם טראַקטיר, צוזאַמען מיט אונדז, האָט געוואוינט אַ רב מיט זיין ווייב און אַ טאָכטער, עטלעכע פרויען מיט קליינע קינדער, וואָס זייערע מענער זיינען געווען אין דער מלחמה, און אַנדערע אַזעלכע צעבראָכענע און צעריסענע משפחות. אַ גאַנצע וואָך פלעגט מען לויפן צום קאָמיטעט נאָך שפּייז, נאָך אַ מלבוש, נאָך אַ ידיעה פון מאַן, אַ קרוב, אַ גואל. אָבער אַז עס פלעגט קומען שבת האָט זיך אַלץ געענדערט. דאָס הויז האָט אַנאַנדער אויסזען געקראָגן. פון רב׳ס חדר האָט זיך געטראָגן שבתדיקע תפילה און נגינה. די ווייבער האָבן אָנגעטאָן פאַטשיילקעס אויף די אויסגעצוואָגענע קעפּ און אויסגעגאָסן זייערע הערצער ביים ליכט־בענטשן. די קאַמערלעך האָבן געשמעקט מיט ציכטיקייט, און אפילו די קינדערלעך האָבן אויפגעהערט וויינען, מאַנען, אַרומלויפן. און אַז עס פלעגט קומען שבת ביי טאָג, פלעגן זיך אַלע צענויפזאַמלען אין איין חדר און מ׳פלעגט לייענען עפּעס פון שלום עליכם. און דאַן פלעגט דאָס גאַנצע הויז אָנגעפילט ווערן מיט אַזאַ מין פרייד, וואָס ס׳איז שווער צו באַשרייבן. די פּנימער האָבן זיך צעשטראַלט, די אויגן—צעפינקלט. אַמאָל פלעגט אין די אויגן אַ בליץ טאָן אַ טרער ווי אַ ברילִיאַנט. ס׳איז געוואָרן היימלעך. עס איז פאַרשוואונדן דער טרויער, די שווערע מחשבות, די עלנטקייט, דער קרעכץ און דער זיפץ. מ׳האָט געלאַכט און מ׳האָט זיך געפריידט. מ׳האָט זיך דערפילט אַזוי נאָענט מיט די העלדן פון

די מעשיות. טוביה מיט זיינע טעכטער זיינען געוואָרן כמעט ווי משפחה, מנחם־מענדל—גאָר אַן אייגענער. די יידענע פונעם טעפּל — ווער האָט זי ניט געקענט? די קליינע מענטשעלעך, די העלדן פון די אייזנבאַן געשיכטע — דאָס זיינען דאָך געווען אונדזערע שכנים, אונדזערע בני־עיר!

דער רב האָט איינמאָל אַזוי צוהערנדיק זיך פון דער זייט ווי מ׳לייענט, אַ זאָג געטאָן: אוי איז ער אַ שקאָץ אָט דער שלום עליכם! אוי, פּראַוועט ער ליצנות! אָבער אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער רב מיינט אַ סך מער ווי דאָס וואָס ער האָט געזאָגט. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אפילו דער רב האָט דערפילט, אַז שלום עליכם איז עפּעס אַן אייגענער, אַן עמך־שבעמך, אַ חברה־מאַן פאַר וועלכן מ׳דאַרף זיך היטן, ווייל ער דערקענט דיך אַזוי גוט דורך און דורך, און גיט ער דיך אַזוי אַמאָל אַ מעסט אָפּ, איז שוין פאַרפאַלן, און מוזט אים נאָך מוחל זיין אויך.

ווען איר פרעגט מיך, ווי אַזוי דאָס לייענען שלום עליכמען האָט זיך אָנגעהויבן, וואָלט איך עס אייך ניט געקענט גענוי דערציילן. איך געדענק בלויז, אַז כ׳האָב איינמאָל געפונען ערגעץ שלום עליכמס ביכל, האָב איך עס גענומען לייענען פאַר זיך, און אין מיטן לייענען אַלע ווילע אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. פרעגט מיך די מאַמע: „וואָס לאַכסטו דאָרט אַזוי געשמאַק?" זאָג איך איר: פון דער מעשה וואָס איך לייען." זאָגט זי: „לייען עס אין דער הויך, וועל איך אויך לאַכן."

הכלל, וואָס זאָל איך אייך זאָגן: איך האָב גענומען לייענען אין דער הויך, און באַלד האָט אַ שכנה אויך אָנגעשפּיצט די אויערן, און ס׳האָט ניט גענומען לאַנג און כ׳האָב געהאַט אַרום זיך אַ גאַנצן ווייבערשן עולם. און אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן. יעדן שבת נאָכמיטאָג — ווי גאָט האָט געבאָטן.

ניט אײן ברכה האָט שלום עליכם אַריינגעקראָגן אין יענע שבתים. ווען שלום עליכמען וואָלט אָנגעקומען יענע גוט־וואונטשן וואָלט ער געהאַט אַ סך מער יאָרן, און גוטע יאָרן, ווי ער האָט געהאַט.

מיין מאַמע איז זינט יענע טייערע שבת נאָכמיטאָגן געבליבן אַ געטרייע שלום עליכם לייענעריך. זי האָט געקענט די מערסטע דערציילונגען, מאָנאָלאָגן, די ראָמאַנען, כמעט אויף אויסנווייניק. זי האָט איבערגעלייענט שלום עליכמען צענדליכער מאָל, און קיינמאָל ניט מיד געוואָרן פון זיי; האָט אַלעמאָל געפונען פרישקייט, דערמונטערונג, פרייד פון לעבן און פון דעם לעבן אין זיי.

און איצט פּאַסירט אָפּט ביי מיר, אַז עס איז דאָ אַ פרייער אָוונט אין דער היים, און די טעלעוויזיע חזרט איבער די זעלבע „וועסטערן" מעשה ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל, פירן מיך מיינע פיס, ווי אויטאָמאַטיש, צו דער ביכער־פּאָליצע, וואו עס שטייען שלום עליכמס ווערק, און דאָס ערשטע בוך וואָס קומט מיר אין האַנט אַריין ווערט מיין פריינט פאַרן אָוונט.

איז ווען איך זע ווי די גאַנצע יידישע וועלט, און אפילו די ניט־יידישע, און אפילו דאָרט וואו מ׳האָט אויפגעהאַנגען אַ ריזיקן שלאָס אויף שלום עליכמס יידן און אויף זייער טייערן, ליבן מאַמע־לשון — פּראַוועווען שלום עליכמס הונדערט־יאָריקן געבוירנטאָג, און אויך טאַקע אויף אַזויפיל לשונות, איז מיר זייער גוט אויפן האַרצן. איך פיל מיך ווי אַן אמתער מחותן אויף דער גרויסער אַלוועלט־לעכער שלום עליכם שמחה.

**מלך ראַוויטש**

# מיין טאַטנס קלײדער־שאַפע

## (פונעם „מעשה־בוך פון מיין לעבן“)

געווידמעט מיט האַרציקייט און אמתן סענטימענט אַלע פריינד
אין לאָס אַנדזשעלעס

אַלע מעשיות פון מיין לעבנס מעשה־בוך זענען יעדע אַ מעשה פאַר זיך, און זענען טאַקע מעשיות, און מען טאָר אויף זיי קיין קשיות נישט פרעגן. אָבער דאָס וואָס איך גיי דאָ איצט דערציילן איז גאָר קיין מעשה נישט. עס איז בלויז אַ באַשרייבונג פון מיין טאַטנס קלײדער־שאַפע. דער אמת איז, אַז יעדעס איינציקע שטיק מלבוש אין אָט־דער שאַפע וואָלט אַליין געקענט אַ מעשה דערציילן און אַמאָל אפילו אַ גאַנץ בוך. אויב דאָס לעבן איז אַ טעאַטער איז אַ משפחה־וואוינונג אַ סצענע, די מעבל—דעקאָראַציעס, מלבושים—די טעאַטער־גאַרדעראָבע, און מיר אַלע—אַקטיאָרן. און איך וויל דאָ באַשרייבן שטיק ביי שטיק מיין טאַטנס גאַרדעראָבע.

קודם־כל די שאַפע אַליין: זי איז געווען הויך כמעט ביז צו דער סטעליע, און סטעליעס אין אַמאָליקע „קאַמעניצעס“ זענען געווען גאַנץ הויך. זיי זענען נישט געלעגן אויפן קאָפּ ווי די סטעליעס אין די הימל־הויכע וואָלקן־קראַצערס. די שאַפע איז געווען פון דעמב. קיין פאַרצירונגען האָט זי נישט געהאַט, מחמת זי איז לכתחילה באַשטימט געווען אויף צו שטיין באַשיידן אין אַ זייטיקן צימער. די שאַפע האָט אינעווייניק געהאַט צוויי שטאָק. אַז מען האָט געוואָלט דערלאַנגען דעם אויבערשטן שטאָק, האָט מען געמוזט צושטעלן אַ טיש. אַ שטול איז נישט גענוג געווען. אַז מען האָט אין דער שאַפע עפּעס געזוכט, אָדער איבערגעהאנגען, האָבן גאַנץ באַקוועם צוויי מענטשן געקאָנט אין איר אַריינגיין.

צוויי מאָל אין יאָר—איין מאָל צו סוכות און איין מאָל פאַר פסח — איז די לאַנדשאַפט פון דער שאַפע פאַרביטן געוואָרן — אָט פונקט ווי די לאַנדשאַפט אין דרויסן. ווינטער זענען אין איר געהאנגען ווינטערדיקע, שווערע מלבושים און די זומערדיקע האָבן גערוט אין די באַשלאָגענע קופערטן, איינגעשלעפערט מיט די שאַרפע ריחות פון גאַנצע ט י ט ו ן, אָדער טאַבאַק־בלעטער, פון פעקלעך בילי‌קער מאַכאָרקע, וואָס די פויערן פלעגן נוצן אין די פייקעס, און פון פעקלעך ביליקן שמעק־טאַבאַק און אויך אַלערליי נעגעלעך און געווירצן; און זומער— פאַרקערט. פון קיין נאַפטאַלין האָט מען נאָך דעמאָלט אין די קליינע

---

די שמחה וועט זיך ציען אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. אָבער דערווייל איז גוט צו נעמען שלום עליכמס אַ ביכל און לייענען. ס׳מאַכט ניט אויס וואָס פאַר אַ ביכל איר וועט ניט נעמען. איר וועט זיך ניט אָפּנאַרן. איר וועט זיכער הנאה האָבן. איר וועט לאַכן אַזוי ווי איר האָט נאָך קיינמאָל פריער ניט געלאַכט. און טאָמער וועט זיך ביי אייך מיטן געלעכטער אַרויסרייסן אַ טרער, איז אויך ניט געפערלעך. אָט אַזוי האָבן שוין יידן אַ טבע: ווען זיי איז פריילעך אויפן האַרצן ווײנען זיי. און ווער האָט נאָך בעסער געקענט זיינע יידן ווי מיין ליבער און טייערער פריינט, שלום עליכם?

שטעטלעך נישט געוואוסט און נישט געוואָלט וויסן און נישט געגלויבט אין זייער ווירקזאַמקייט אַנטקעגן מאַיל־ווערעמלעך.

די דאָזיקע גרויסע קליידער־שאַפע האָט באַלאַנגט אינגאַנצן דעם טאַטן. עס רעדט זיך נאָר אַזוי „אינגאַנצן", מחמת זיינע מלבושים זענען דאָרט געווען די הויפּט־איינוואוינערס. ער האָט געהאַט „סובלאָקאַטאָרן" אויך. אַמאָל די מאַמע, אַמאָל די קינדער, און געווען זענען מיר נאָר צוויי יינגלעך, און אַמאָל אויך, און אפילו אָפט, די יידישע דינסטן. דער טאַטע האָט ליב געהאַט זיך צו באַוויזן מיט דעם, אַז ער באַהאַנדלט די דינערשאַפט ווי מען באַהאַנדלט קרובים.

האָט אונזער טאַטע געהאַט אַ תאווה צו קליידער? אַביסל — אַוודאי. און אפשר איז ער ערגעץ אין דער טיף פון זיין נשמה געווען אַ שטיקל שוישפּילער און אָט־די שאַפע מיט אַלערליי קליידער האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו פאַרוואַנדלען ביי יעדער פּאַסיקער געלעגנהייט אין אַן אַנדערן מענטש. זיי האָבן אים שטאַרק געפרייט אָט אָ די גיגולים מיט דער הילף פון דער גאַרדעראָבע זיינער. די מאַמע האָט טאַקע נישט שטאַרק ליב געהאַט די פאַרוואַנדלונג־שפּילן פון דעם טאַטן, אָבער פאַר אונדז, קינדער, איז דאָס געווען אַ קוואַל פון גרעסטן נחת. אָט ערשט איז דער טאַטע געקומען אין שטוב אין זיינע וואָכעדיקע מלבושים און אָט אָ איז ער אַ ווינער קאַוואַליר, אָדער אָט איז ער גאָר אַן עכטער טשאָרט־קעווער חסיד. נאַטירלעך האָט ער נישט סתם אַזוי אויפגעפירט די דאָזיקע גיל־גולים, עס האָט געמוזט זיין אַ פּאַסיקע געלעגנהייט: אָדער אַ באַזוך, אָדער אַ חתונה, אָדער אַ געהעריקער יום־טוב.

און לאָמיר בעמען אויסרעכענען אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם טאַטנס קליידער־שאַפע ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה און וואָס איז געבליבן אין מיין זכרון ביזן היינטיקן טאָג.

איך וועל אָנהויבן מיט דער „ראַזשעוואָולקע."

מיט וואָס ?

מיט דער „ראַזשעוואָולקע" — מחמת אָט דאָס מלבוש, נישט אַזוי צוליב זיין אויסזען ווי צוליב זיין נאָמען — האָט אַלעמאָל גערייצט מיין קינדישע פאַנ־טאַזיע. ערשטנס, ווייל עס האָט מיר דערמאָנט — ראַזעווע בולקע און איך האָב קיינמאָל נישט געקענט פאַרבינדן אַ נאָמען פון אַ מלבוש מיט אַ ראַזעווע בולקע. און צווייטנס, ווייל אַז דער טאַטע האָט מיר אַמאָל דערציילט די געשיכטע פון אַ ראָזשעוואָולקע האָט עס גאָר גערייצט די פאַנטאַזיע.

דערציילט האָט דער טאַטע, אַז אַמאָל, אַמאָל האָט דער גרויסער פּוילישער פּרינץ ראַדזיוויל געהאַט אַ הויף־ייד, וואָס ער האָט אים זייער שטאַרק ליב געהאַט. האָט ער, כטוב לב המלך, געפרעגט אַמאָל דעם ייד: — מאָשקע, וואָס ווילסטו? עד חצי המלכות און דו וועסט באַקומען. האָט דער הויף־ייד געענטפערט: — גרויסער פּרינץ, איך וויל מעגן טראָגן אַזאַ מלבוש ווי דו טראָגסט. און דער פּרינץ האָט איינגעוויליקט און דער ייד האָט פון דעמאָלט אָן געטראָגן דאָס מלבוש וואָס האָט געהייסן „ראַדזיווילאָווקאַ". מיט דער צייט איז עס געוואָרן אַ יידישע מאָדע, און די יידן האָבן געענדערט די פאָרם פון מלבוש און דעם נאָמען אויף: „ראַזשעוואָולקע". און געווען איז עס אַ זיידענע בעקעשע פון אַ שטאַרק טונקעלן קאָליר, אָבער נישט שוואַרץ. אַ געהאַקטע בעקעשע מיט ווערטיקאַלע קעשענעס, מיט קלאַפּעס, פון הינטן און פון פאָרנט האָט זי געהאַט אַ סך סאַמעטענע קנעפּ —

כאַטש אַ טוך. די ראָזשעוואָלקע האָט זיך שטאַלטנע געלייגט אויפֿן גוף—און ווער שמועסט מיין טאַטנס ראָזשעוואָלקע, וואָס איז גענייט געוואָרן לויט זיינע געטרייע אינסטרוקציעס. אַ ראָזשעוואָלקע פֿלעגט מען טראָגן בעיקר צו די שלוש רגלים, נישט שבת.

אין דער שאַפֿע זענען געהאָנגען אַ סך בעקעשעס, שוואַרצע און זיידענע און לאַנגע, מיט קעשענעס פֿון הינטן—ווערטיקאַלע נאַטירלעך, אָבער אַ בעקעשע איז נישט געווען געהאַקט. זי האָט אויך נישט געהאַט קיין שפּאַלט. עס זענען אויך געווען בעקעשעס פֿון אַ טוכענעם שטאָף אויף צו טראָגן ווי אַן אויבער־מלבוש צו אַסיען און צו ווערסנע־צייט. (הערבסט און פֿרילינג).

און צו די בעקעשעס — אַ קאָלעקציע גאַרטלען.

איינע אַ בעקעשע איז דאָרט אין שאַפֿע געווען אַ טונקל־וויאָלעטע. אַט־די בעקעשע האָט מען אָנגעטון, אַז מען איז געגאַנגען נאָכן עסן צו אַ חסידישן רבין, וואָס האָט זיך אויף איבער שבת אָפּגעשטעלט אין שטעטל. דעם טאַטן איז, וואָס שייך דער גזע, קיין גרויסן חילוק נישט געווען. ער איז געגאַנגען צו אַלע רביים — בעלזער, דזשיקעווער, טשאָרטקעווער.

„שיך־און־זאָקן" און קורצע פּלודערן זענען אין שאַפֿע געהאָנגען, אָבער דאָס וואָלט שוין געווען צופֿיל — דער טאַטע האָט דאָס קיינמאָל נישט אָנגעטון. ער האָט אָבער ליב געהאַט אַלץ צו האָבן גרייט. דער געדאַנק אַליין, אַז ער האָט עס, האָט אים פֿאַרוויילט.

און שטריימלען זענען געווען צוויי. איינער מיט אַ הויכן בלוי־סאַמעטענעם ווערדך און ברייטע, ברוינע דרייצן שפּיצן פֿון פֿוקסענע עקן. דער צווייטער, מיט אַ נידעריקן, שוואַרצן סאַמעטענעם ווערדך און מיט קליינע דרייצן שפּיצן פּוטערנע. דאָס קליינע שטריימעלע איז, נאַטירלעך, געטראָגן געוואָרן אין די „וואָכעדיקע" שבתים, אַזויצוזאָגן.

און יאַרמלקעס אַלערליי — טונקל־בלויע און שוואַרצע סאַמעטענע, און קאַפּלעך זיידענע, וואָס פֿאַלן צו צום קאָפּ, און אַזעלכע וואָס זענען ענלעך געווען צו די קאַפּן פֿון די קירא'שע אָפּיצערן, נאָר אָן די דאַשקעס; און ווייסע, אומע־טיקע יאַרמלקעס אויף יום־כּיפּור צום קיטל, און איינע אַ זילבערנע יאַרמלקע און איינע אַ גאָלדענע, און צו אַט־די פֿאַנטאַסטישע יאַרמלקעס — דריי קיטלען: איינער אַ ווייסער, ווי תכריכים, נאָר מיט קעשענעס; און איינער מיט אַ זילבער־נעם קראַגן, און איינער מיט גאָלד־געליישטן פֿון פֿיליגראַן־אַרבעט. די דאָזיקע צוויי קיטלען זענען געווען צו די סדרים. דער ערשטער נאָר אויף יום־כּיפּור. און צו דעם אַלעמען — געהעריקע גאַרטלען.

צו דער יידישער הלבשה האָט אויך נאָך געהערט דער טולופּ. דער אויבער־שטער שטאָף פֿון טולופּ איז געווען פֿון שווערן, שוואַרצן זייד. דער טולופּ האָט געהאַט גרויסע מאַנקעטן פֿון פֿוטער אויף די אַרבלען און דערצו אַ ברייטן קאָלנער. קיין שום קעשענעס נישט און קיין שום קנעפּ. מען האָט זיך אין אים איינגעוויקלט, אויפֿגעהויבן דעם קאָלנער, אַריינגערוקט די הענט אין די אַרבלען ווי אין אַ מופֿטע און געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין.

און אַז מיר האַלטן שוין ביים טולופּ — לאָמיר שוין פֿאַרטיק ווערן מיט אַלע פּעלצן.

געווען דאָרט אַ פּעלץ אַ ציווילער, אַזויצוזאָגן, וואָס האָט געהייסן „דאָס

פוטער״ סתם. ער האָט געהאַט קעשענעס האָריזאָנטאַלע און קנעפּ גרויסע און אַ ביבער־קראַגן אַ ברוינעם. זיין אויבערשטאָף איז געווען שוואַרץ און — נישטאָ וועגן אַזאַ פּעלץ וואָס צו רעדן. מען האָט אים דער עיקר גענוצט ווינטער־צייט אויף רייזעס מיט דער באַן אין די נאָענטסטע שטעט — ביז קיין לעמבערג צו מזרח און ביז קיין קראָקע צו מערב.

חוץ אָט־דעם פּעלץ — מען האָט אים גערופן שטאָט־פּעלץ — איז געווען אין שאַפע אַ פּוטערנע קורטקע. זי איז געווען כולו וואָך. גרוי דער שטאָף פון אויבן און ביליק־געל דאָס פוטער אינעווייניק און דערצו אַ קאַראַקולענער קראַגן, וואָס איז שוין דאָ געווען אין דריטן צי אין פערטן גילגול. אָט דאָס מלבוש — כמעט ביז די קני — איז געווען אויף אַרויסגיין אין דרויסן סתם; צוגיין ערגעץ סתם, נישט אויף אַ וויזיט און נישט אויף אַ וויכטיקער טרעפונג, אָדער אין אַן אַמט.

אָט־אָ־די קורטקע האָט נאָך אין שאַפע געהאַט אַ חצי־גויאיש, פּאָלאָווינע יידיש ממזר־ברודערל, אַ קורץ גויאיש פּעלצל, וואָס מען האָט עס גערופן שפּענ־צער. מען האָט עס געקענט טראָגן אויפן אויבער־מלבוש און אונטער אים. אָט דאָס שפּענצערל האָט מען נישט אַרויסגעלאָזט איבער דער שוועל. נישט גענוג באַלעבאַטיש געווען.

דער אַנטיפּאָד פון פוטער־שפּענצערל איז געווען דער שאָפן־פּעלץ, אָדער דער באַראַן, אָדער גאָר דער בער. אָט־אָ־די דריי נעמען האָט ער געהאַט אין דער שטוב און אויך אין גאַנצן שטעטל. אין שטעטל איז ער געווען איינער, אַן איינציקער. שפּעטער האָבן די דאָקטוירים פון שטעטל, דער גויאישער—מאַליק —און דער יידישער—שמיידלער—זיך אויך געמאַכט אַזעלכע „באַראַנעס״, אָבער יענע זענען געווען אַ סך קלענער. געבייט איז דער דאָזיקער בער, אָדער באַראַן, אָדער שאָפן־פּעלץ, געווען אַזוי ווי דער טולופּ—אַן קנעפּ און אַן קעשע־נעס. אָבער ער איז געווען צוויי און אפשר דריי מאָל אַזוי גרויס. זיין פּעלץ איז געווען פון שוואַרצע באַראַנעס מיט אַזעלכע לאַנגע קודלעס, וואָס מען האָט געקענט צעפּלעך פון זיי פלעכטן. זיין קאָלנער אַליין האָט געקענט פאַרדעקן אַ מענטש און אין יעדן אַרבל האָט אַ דערוואַקסן קינד געקענט גרינג אַריינקריכן. דאָס אויבערגעוואַנט פון פּעלץ איז געווען דיק ווי אַ שוואַרצער קאָבריץ. אין דעם דאָזיקן שאָפן־פּעלץ האָט אפילו עוג מלך הבשן נישט געקענט גרינג צופוס גיין, אויב ער וואָלט אים אָנגעטון אויף זיך.

אַז מיין טאַטע זאָל דעם פּעלץ סתם אָנטון און גיין אין אים איז קיין רייד נישט געווען. דאָס איז גאָרנישט געווען די כוונה פון דעם באַראַן. אין אים האָט מען געקענט נאָר פאָרן. מען האָט אים דעמאָלט אַרויפגעלייגט אויפן געזעס אויפן שליטן און זיך געזעצט אויף אים און אים ווי נישט איז אַרויפגעצויגן אויף זיך און איינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן. אָט־דער בער האָט אין דער קליידער־שאַפע פאַרנומען אַ פערטל פון איר גאַנצן שטח. פאַר אַ העננער האָט ער געהאַט אַ הויזן־פּאַסיק.

דער פּעלץ האָט נישט מורא געהאַט פאַר דעם שאַרפסטן פראָסט און נישט פאַר דער ווילדסטער זאַווערוכע, און אין אים איז דער טאַטע געפאָרן ביי־אַקס אין זיינע וויטסטע וועלדער. אונדזער שאָפן־פּעלץ איז אפילו אין אַ געוויסן זינען געווען אַ רשות הרבים. באַלעבאַטים פלעגן אים אויסבאָרגן אויף שווערע ווינטער־רייזעס מיט אַ שליטן. אפילו פּאָליאַקן־באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיך

געהברט מיט אונדזער שטוב, האָבן אָפּט געבאָרגט דעם באַראָן. אַז די מאַמע איז מיט אונדז קינדער געפאָרן זיך שליטלען אַביסל — האָבן מיר זיך אַלע דריי געקענט איינוויקלען אין דעם איינציקן בער.

מיין מאַמע איז געווען די ערשטע פרוי אין שטעטל, וואָס האָט נישט אָנגע־טון קיין שייטל, אפילו נישט אַן „אָפּגענאַרט שייטל" איבער די אייגענע האָר, און דער טאַטע איז געווען דער ערשטער מאַן אין שטעטל, וואָס האָט זיך אָנגעטון „קורץ געקליידט." אָבער דאָס נאָר אין דער וואָכן. שבת און יום־טוב פלעגט ער טראָגן שבתדיקע מלבושים ווי אַלע יידן. מאָדנע האָט אויסגעזען דאָס פּנים אָן פאות און מיט אַ זויבער־צוגעשוירענער באָרד — אין אַ שטריימל. אָבער די קליידער־שאַפע האָט גרינג געקענט צופּאַסן אויך גאַנץ אַנדערע קליידער. עס האָט נאָר געדאַרפט זיין די געלעגנהייט: אַ חתונה אין דער צעצווייגטער און היפּש אַסימילירטער משפחה, אַ באַזוך ביי אַ שׂררה צוליב די וואַלד־געשעפטן, אַ רייזע צום לאַנדעס־האַופטמאַן אין לעמבערג, אָדער גאָר אַ מיניסטעריום אין ווין. אַלץ צוליב דערלויבענישן צו האַקן די בידנע וועלדער, וואָס זענען אַלעמאָל שווער אָנגעקומען.

ביי אַזעלכע געלעגנהייטן האָט דעם טאַטנס קליידער־שאַפע זיך צעעפנט און האָט פון אירע פאַרבאָרגענישן געקענט אַרויסגעבן אַ שלוסראָק, ביז די קני זיין לענג, מיט גרויסע זיידענע קנעפּ; אַ שוואַרצן פראַק מיט פליגלען, וואָס האָט ביי יעדן קער און ווענד געוויזן זיין זיידענע פאָדשעווקע, וואָס איז נאָך שענער געווען ווי זיין אויבער־טוך; און רעקלעך אָן אַ שיעור—אָבער מיט זיי וועלן מיר זיך נישט פאַרנעמען און וועלן גלייך אַריבערגיין צום — האָוועלאָק... אַט־אָ־דער האָוועלאָק האָט מיך אַלעמאָל מער אינטערעסירט ווי אַלע אַנדערע עקסטראַוואַגאַנצן פון דער שאַפע. ער איז געווען פון שוואַרצן לייכטן שטאָף, אַ מין הענגענדיקער לענגלעכער מאַנטל אָן אַרבל און מיט אַ פעלערינקעלע פון אויבן, אויף די אַקסלען צו פאַרוואַרפן. און אַלץ ברייטלעך און באַקוועם. אַט דעם האָוועלאָק האָט דער טאַטע אָנגעטון נאָר אויף די סאַמע אַריסטאָקראַטישסטע משפחה־חתונות. צו אַט־דעם האָוועלאָק האָט געהערט דער פראַק און דער צילינדער, די לאַק־שיך און די ווייסע גלאַסע הענטשקעס. אָנגעטון אַט דאָס אַלץ אויף זיך, דעם האָוועלאָק פון אויבן, האָט זיך דער טאַטע אַליין פאַר זיך אַביסל געשעמט. אָבער פאַרט פלעגט ער צו צום שפיגל און זיך.. באַוואונדערן. און דעמאָלט פלעגט די מאַמע אַלעמאָל צו אים צוגיין, זיך פאַררויטלען שטאַרק און אים אַ קוש טון. דווקא אין אַט־דער הלבשה האָט ער איר דערמאָנט די רגע ווען זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל דורך אַ פענצטער דערזען און זיך אין דער זעלבער רגע אין אים פאַרליבט. אין אַט־דער הלבשה האָט דער טאַטע טאַקע אויסגעזען ווי אַן אַריענטאַלישער פרינץ, וואָס איז געקומען אויף אַ באַזוך קיין ווין.

און אַ רגע פאַרן גיין, אָדער פאַרן, אויף אַ חתונה, האָט דער טאַטע נאָך אַלע־מאָל אַ פרעג געטון דער מאַמען, צי זאָל ער נעמען דעם צילינדער, וואָס איז געלעגן מיטן קאָפּ אַראָפּ אין אַ גרויסער קיילעכדיקער שאַכטל, מיט אַ ספּעציעל סאַמעטן בערשטעלע אין איר, צו פוצן אים זיין איידעלע זיידענע שוואַרצקייט, אָדער זאָל ער גאָר נעמען בעסער דעם שאַפּאַקלאַק. און שאַפּאַקלאַק, ווייסט איר דאָך מסתמא, איז אַ צילינדער, וואָס מיט איין קלאַפּ־קוועטש קען מען זיין קוימען־הייך פאַרוואַנדלען אין אַ טעלער־פלאַכקייט.

אינעם טאַטנס קליידער־שאַפע זענען געהאַנגען עטלעכע שלאָף־רעק. נישטאָ וועגן זיי קיין סך צו דערציילן. און נאָר וועגן איינעם, וואָס איז געווען אַן אויסנאַם. ער האָט געהייסן: דער „טערקישער שלאָף־ראָק.“ ער איז געווען פון אַ שווערן שטאָף, פון איין זייט אַ טונקעלער אַש־גרוי, דאָס איז געווען זיין אויבערשטע זייט. פון דער אַנדערער זייט איז ער געווען ציגל־רויט. אַז פאַלע האָט זיך אויפ־געהויבן ביים גיין אין דעם דאָזיקן שלאָף־ראָק — האָט עס געבלאַנקט רויט ווי דער שינעל פון אַ גענעראַל. דער דאָזיקער שלאָף־ראָק האָט זיך פאַרקנעפּלט אויף געשטיקטע סטראַקעס מיט לאַנגע קנעפּ — כאַטש אַ טוך פון אויבן ביז אַראָפּ. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. דער שלאָף־מאַנטל האָט אויך געהאַט צו זיך אַ טערקיש מיצל אין דער פאָרם פון אַ וואַזאַנע, און פון אַזאַ ציגלנעם קאָליר. האָט מען דאָס אָנגעטאָן אויפן קאָפּ — איז ווי מען וואָלט אַ וואַזאַנע אָנגעטון, אַ וואַזאַנע מיט אַ לאַנגן זיידענעם קוואַסט.

דעם שלאָף־ראָק האָט דער טאַטע באַנוצט, דאָס מיצל קיינמאָל נישט, דער עיקר דעמאָלט ווען געסט פון דער משפחה — די פון ווין אָדער בודאַפּעסט— זענען געווען ביי אונדז. מיט דעם טערקישן מיצל האָבן מיר, קינדער, געהאַט אַ פּריווילעגיע זיך צו שפּילן, אָבער נאָר אין דער שטוב וואו די קליידער־שאַפע איז געשטאַנען. אַרויסנעמען אַזאַ טייערן חפץ אין הויף, אָדער אויפן מאַרק און צו אימפּאָנירן מיט אים פאַר דער שטאָטס קינדער — האָבן מיר נישט געטאָרט.

דאָס מיצל, ווי די גאַנצע קליידער־שאַפע, האָט נאָך דערלעבט די ערשטע וועלט־מלחמה און אין איר איז זי אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע ראָמאַנטישע שיינקייטן פון ניינצענטן יאָרהונדערט.

דאַכט זיך אַז די מעשה—אַן אַ מעשה—האָט זיך שוין אַביסל צופיל פאַרצויגן. אָבער ווי דערמאָנט מען כאָטש נישט די רייען שיך און שטיוול — פאָר יעדער צייט פון יאָר כאָטש אַ דריי פאָר. אָנגעהויבן האָט זיך די גאַלערייע מיט די שווערע פּאַפּוטשן, אָנצוטאָן איבער די שיך און הויזן אין אַ סאַמען שווערן ווינטער־טאָג אויף נאָר אַ קורצן גאַנג — און געענדיקט האָט זי זיך מיט לאַק־שטיוועלעטן צום קנעפּלען.

און אין עטלעכע שאַכטלען זענען דאָרט געלעגן קראַוואַטן. היינט זענען כמעט אַלע קראַוואַטן גלייך אין דער פאָרם און נאָר די קאָלירן זענען אַנדערש. אָבער אין מיין טאַטנס קליידער־שאַפע זענען געווען קראַוואַטן פון אַלערליי פאָרמען, אָנגעהויבן מיט אַזעלכע קליינע ווי די מאַסקיטן און געענדיקט מיט אַזעלכע גרויסע און ברייטע ווי וועסטלעך. און דערצו די קאָלירן און די אַלערליי שטאָפן, פון וועלכע זיי זיינען געמאַכט געווען. צו די קראַוואַטן האָט אויך געהערט אַ גאַנצע קאָלעקציע פון שפּילקעס — מיט דימענטן, מיט פּערל, מיט רובינען אין דער פאָרמע פון פּאַדקאָוועס און פערדישע קעפּ און אָדלערלעך, און אין דער נייערער צייט און אפילו אַ גאָלדענער מגן־דוד מיט אַן אויסגעשניטענעם אין גאָלד „ציון“ דאָרט צוגעקומען.

און לאָמיר שוין טאַקע איינוויקלען דאָס בינטל אַלטוואַרג פון דער דאָזיקער מעשה אין איין גרויסן בונט און לאָמיר דעם בונט צושפּיליען מיט איינער פון די שפּילקעס, אַזוי ווי אַ פינטל איר פּערל, אַזוי ווי אַ טרער נאָך אַ וועלט פון בענקשאַפטן און פון שיינקייטן, וואָס איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין מיין טאַטנס קליידער־שאַפע...

מ. פערלמוטער

## דער לעצטער שלייער

די שאָטנס קלענערן זיך, בלייכן,
בויגן זייערע רוקנס אוים —
פון די פאַרהוילן-שטומע הויכן
קוקן דימענטלעך אַרוים . . .

איצט ווייס איך שוין: דער לעצטער שלייער
פאַלט פאַמעליכן אַראָפּ —
פון נעכטיקן געבענטשטן פייער
גרייכט צו מיר אַ דינער סנאָפּ . . .

## דיין נאָמען בלייבט

דו העפּסט דיין נאָמען אלהי
אויף מאַיאַס*) רייצנדיקער קאַנווע,
און איך — איך בלייב דיר אומגעטריי;
דיין טרוי און צוטרוי איך באַגנבע . . .

איך גנבע . . . נאָר דיין נאָמען בלייבט
אַן אויסגעהעפטער אויפן שלייער;
דיין האַנט אין פנקס שרייבט, פאַרשרייבט
דעם חשבון פרטיות מיט פייער

*) מאַיאַ: עולם השקר.

פינטשע בערמאַן

## פאַרנאַכט

פאַרנאַכט קומט דער ווינט מיט אַ שטילן געוויין
און פאַרטרויט די צעוואָרעמטע צווייגן אַ סוד:
עס קלייבט זיך די זון דאָרטן באַלד צו פאַרגיין,
ער ווייסט דאָס — ער קומט דאָך פון הינטערן שטאָט...

פאַלט אַזאַ אומעט אויף אַלע מיטאַמאָל;
לייגט זיך אַ כמאַרע אויף גראָז און אויף בוים.
פלאַטערט אַ פויגל און שרייט אויף אַ קול;
שפּרייט זיך אַ שאָטן אויף מענטש און אויף היים.

פֿאַרנאַכט קומט די אומרו צופּליען, ווי אַ טויב:
ערגעץ מוז זיין דאָך אַ צוועק און אַ מיין!
און דאָ ווערט מיט אָונגט פֿאַרטויעט די שויב . . .
נעמט דורך דיר אַ ציטער, ווי אַ קינד אין געוויין.

קערסטו זיך אום מיטן פּנים צום וואַנט —
קוקסט אַריין טיף אין דיין אייגענער זעל;
אַט קומט מען צום ברעג שוין.. אַט שטרעקט זיך אַ האַנט..
באַלד רוקט זיך דער ריגל .. באַלד שליסט זיך די צעל...

פֿאַרנאַכט קומט די בענקשאַפֿט צעברויזט ווי דער ים,
פֿאַרוויגט אין אַ טרוים, מיט צעפֿליגלטע טריט —
צינדט אָן אין דיין האַרץ זיך אַ זשאַריקער פֿלאַם . . .
גייט אויף אין דיין אויג פֿון דער יוגנט אַ ליד..

ווילט זיך דיר וויינען און לאַכן ביינאַנד;
ווילט זיך דיר שרייען און שווייגן דערביי;
פֿילסטו ווי נאָענט עס ווערט צו דער ראַנד...
פֿילסט אויך צו זינגען, ווי פֿויגלען אין מאַי . . .

לוי גאָלדבערג *)

## ע ל ט ע ר

עלטער טרעט אויף וועג פֿון גלאָז,
און זעט זיך דאָרט ווי אין אַ שפּיגל —
מיט אַל דאָס גוטס, מיט אַל פֿאַרדראָס
געטראָגן אויף די שוואַכע פֿליגל.

עס אַנט די שפּאַלטונג פֿונם פֿלאַך
ווען הויך אַריבער כמאַרעס ציען.
פֿאַר יעדן טאָג, פֿאַר יעדע נאַכט
זי בויגט זיך, ווי אַ קנעכט צו קניען.

אויסגעפּרואווט, און גרייט צו זיין
פֿאַר דער באַשערטקייט וואָס צעשטראַלט זיך—
די עלטער זעט אין גלאָז גאָטס שיין,
ווי זון אין שקיעה, וואָס באַהאַלט זיך.

---

*) צו דער דערשיינונג פֿון דעם דיכטערס נייעם בוך לידער:
„פּרוכס אויף מיין בוים".

י. פרידלאַנד

# אונטער אַמעריקאַנער הימלען

(פראַגמענט — היסטאָריאָגראַפיש)

## א.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער סטאַנציע נעבן אַ ניט גרויס באַפּעל־קערט שטעטל, גאַנסאָן, אַ פאָרפּאָסטן פון דעם מידבר־טאָל אין דעם וויטן מערב.

צוועלף יונגע יידישע מענער זיינען מיט ניט זיכערע טריט אַרויסגעקומען פון דער באַן מיט זייערע געפּעק און האָבן אין דער כמעט ווילדער פרעמדקייט זיך אַרומגעקוקט, ווי דערוואַרטנדיק עמיצן. ס'האָט זיך טאַקע תיכף באַוויזן אַ מיטל־וואוקסיקער פאַרשוין, וואָס לויט זיין הולך און הלבשה — אַ פאַרמער. דערזעענ־דיק דעם געזעמל יידן האָט ער פון זיכערקייט וועגן אַ פרעג געטאָן:

— זייט איר דאָס די היברוס וואָס וואַרטן אויף דער פור אייך אַריבערצופירן צום פונקט אין דעם טאָל פון אייער סעטלמענט ?

— יאָ, יאָ — האָבן אַ פּאָר פון דעם מנין יידן מיט פרייד געענטפערט.

— גוט! מיין נאָמען איז גרובל, סיימאָן גרובל. איך בין באַשטעלט געוואָרן פון אייער הויפּט, מר. בען, אייך אַריבערצופירן אַהינצוצו. איר וואַרט דאָ צו אַביסל, כ'וועל באַלד אָנקומען מיט דער פור און זאַכן, וואָס מר. בען האָט דאָ אָנגעקויפט.

באַלד טאַקע האָט זיך באַוויזן דער מר. גרובל מיט אַ גרויסן לאַסטוואָגן אָנגעפּאַקט מיט כלערליי זאַכן, פעלד־מכשירים און פּראָוויאַנטן. נאָכדעם ווי די צוועלף יידן האָבן זיך איינגעזעסטלט אויף דער פור, אַ פּאָר אויף דער קעלניע מיט דעם בעל־העגלה, האָט זיך אָנגעהויבן די נסיעה.

דער וואָגן האָט זיך פּאַמעלעך געצויגן לענג אויס דעם טאָל. דער באָדן איז ערטערווייז געווען שיטערלעך באַוואַקסן מיט ווילדע טרוקענע געוויקסן — „סיידזש־בראַש". דער וועג איז געווען נאָך ניט קיין איינגעפאָרענער און די טרוקענע קליינע קוסטעס האָבן זיך געבראָכן אונטער די רעדער פון דעם געשפּאַן און קאָפּעטעס פון די פערד.

די הויכע, טרוקענע, הוילע בערג פאַראויס אין וויטער דיסטאַנץ, זיינען מיסטעריעז געשטאַנען ווי מעכטיקע פעסטונגען אַרום דעם טאָל. די זון־שטראַלן פון אַ מיט־זומער־טאָג האָבן בלענדנדיק רעפלעקטירט אויף די פלאַכן און פאַלדן פון די בערג מיט בייטנדיקע קאָלירן: אָט טונקל־פיאָלעט־בלאָ, אָט טונקל־גראָ. די דורכזיכטיקע שטילקייט אַרום דעם גאַנצן איינזאַמען אַרום האָט אויף די קליינע עדה יידן, וועלכע זיינען נאָר־וואָס אַוועק פון דעם גרויסן שטאָטישן טומל און געמאַרק, אַרויסגערופן אַ געפיל פון אַן אומבאַוואוסטע געשפּאַנטקייט און דערוואַרטונג.

דער וועג האָט זיך געצויגן שווער און פּאַמעלעך; נישט צו זען פאַר'ן אויג קיין לעבעדיקן בן־אָדם. די מיטפאָרנדיקע זיינען געווען שטיל פאַרנומען, יעדער מיט זיינע מחשבות. ווער ס'האָט גע'דמיונ'ט וועגן זיין איבערגעלאָזט ווייב און קינד אין דער היים, און ווער סתם וועגן דעם גורל פון דעם נייעם וועג אין לעבן

אויף וועלכן זיי האָבן זיך פאַרנומען — אַ וועג און אַן אידעאַל, וואָס זיי האָבן פאַר זיך אויסגעקליבן מיט זייער אייגענעם גוטן ווילן און חשק, מיט אַ סך בטחון און ליכטיקע האָפענונג . . .

אַן איבערגעשראָקן האָזל מיט אָנגעשפּיצטע אויערן האָט אַרויסגעקוקט פון אַ קליינעם גראָבן פון זיין באַהעלטעניש און האָט מיטאַמאָל, פייל־אויסן־בויגן, אַדורכגעשניטן די שטילקייט פון דעם חללדיקן אַרום און איבערגעשלאָגן זייערע מחשבות.

איינער פון די יידן האָט אין גאָר ווייטן שטח פון טאָל מיטאַמאָל דערזען עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכע פאַר אים דערשיינונג. אויפ׳ן מאָמענט האָט ער זיך נישט געגלויבט וואָס ער זעט, צי איז עס רעאַל אָדער גאָר אַן אילוזיע. אין זיין גרויס פאַרוואונדערונג האָט ער אויסגערופן:

— יידן, זעט, מיר דערנעענטערן זיך צו אַ וואַסער, אַ טייך!

חברה האָבן אים צוערשט באַטראַכט מאָדנע און סקעפּטיש.

— ווי קומט דאָ אַ טייך אין אָט־דעם מדבר־טאָל?! רעדסט נאַרישקייט. באַלד האָבן אָבער אויך די אַנדערע מיט אַביסל אָנשטרענגונג אין ווייטן שטח פאַראויס געזען די אילוזיע פון אַ טייך. זייער אויפגעהייטערקייט איז געשטיגן פון אָט־דער פענאָמענאַלער דערשיינונג.

דער בעל־העגלה, סיימאָן גרובל, האָט אויף זייער פאַרוואונדערונג, האַלב שמייכלענדיק אויפגעקלערט די גרויס־שטאָטישע יידן, אַז ס׳איז נישט קיין לעבעדיק באַוועגלעכער טייך, עס איז נאָר אַ מיראַזש. אין דעם מדבר אויף די זאַמדיקע פלאַכן טרעפט עס ניט זעלטן, אַז די רעפלעקסן פון די זון־שטראַלן שאַפן אַ מין אָפּטישע אילוזיע פון, אַ שעמערירנדיקן גלימרדיקן טייך. . .

וואָס נעענטער די פור איז צוגעקומען צו יענעם שטח איז פון דעם אימאַגינירטן אילוזאָרישן טייך קיין זכר נישט געבליבן. . .

דער אָנטרייבער פון דער פור מיט דער עדה יידן האָט מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט דעם געשפּאַן אויף אַ פלאַכן חללדיקן שטח.

— אָט־דאָ איז עס, מיינע גוטע שכנים! — האָט סיימאָן גרובל זיך אָפּגערופן — אָט־דאָ פון דעם פּונקט אָן וועט זיך אָנהייבן אייער געפּלאַנטער נייער ישוב.

די יידן זיינען אַלע מיטאַמאָל, ווי אין געאייל, אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פור און תיכף גענומען זיך אויסצולאָדן די געפּעק.

דער טאָג איז נאָך ווייט נישט געווען פאַראיבער און אַלע ווי איינער האָבן געפילט, אַז עס וואַרט אויף זיי אַ נויטיקע אַרבעט, צוגרייטן קודם כל אַ פּלאַץ פאַר דעם ערשטן נאַכטלעגער. סיימאָן גרובל, וועלכער איז באַשטעלט געוואָרן פון דעם הויפּט פון זייער גרופּע זייער געזעלשאַפט, ער זאָל האָבן די השגחה איבער די ערשט־אַריבערגעקומענע פּיאָנערן, אָנווייזנדיק זיי תחילת וואָס און ווי אַזוי עס דאַרף דאָ געטאָן ווערן, אין אָט־דעם ווייטן און פרעמדן צו זיי פּלאַץ. דער מר. גרובל האָט תיכף זיי באַפוילן: נעמען זיך צוערשט צו די לאָפּעטעס, גראָב־אייזנס און גראַבלעס, אָפּראַמען אַ שטיק שטח פון דעם באָדן. אין אַ פּאָר שעה צייט איז שוין געווען אַרויסגעריסן די טרוקענע, לייכט איבערברעכנדיקע ווילד־געוויקסן. נאָכדעם ווי די טרוקענע „סיידזש־בראָש" איז צוזאַמענגעשאַרט געוואָרן אין עטלעכע היפשע קופּעס, האָבן זיי ביים באַריר פון אַ שוועבעלע זיך מוראדיק

צעפּלאַקערט, און גרויסע וואָלקנס רויך האָבן זיך צום ערשטן מאָל אין אַט־דעם מדבר־טאָל געטראָגן צו די קלאָרע בלויע הימלען.

ווען דער היפּשער שטח באָדן איז אָפּגערייניקט געוואָרן, איז אַ גרויסער לייוונטענער געצעלט אויפגעצויגן געוואָרן; אַ צאָל לייוונטענע צוזויפּלייג־בעטלעך אויסגעשטעלט גרייט פאַר זייער ערשטן נאַכטלעגער, אויף אייגענער ערד — די היים פון זייער האָפענונגספולער צוקונפט.

מיט אַ פרײדיק געמיט, עקזאַלטירטע פון דער ענדלעכער התחלה פון זייער אויסגעחלומט לעבן, האָבן זיי, ביי דער ליכט פון אַ לויטערער לבנה און אומצייליקע גלימערדיקע שטערן, געפּראַוועט זייער ערשטן נאַכט־מאָלצייט. אַ פרײדיק געזאַנג פון אַ יידיש פאָלקס־ליד האָט זיך צום ערשטן מאָל, זינט ששת־ימי־בראשית, הויך געטראָגן אין די לויטערע ספערן פון דעם מדבר־טאָל, און דאָס ווידערקול זייערס האָט אָפּגעקלונגען ווייט אין די טיפעגישן פון די אַרומיקע בערג.

די צוועלף פּיאָנערן זיינען אַלע כמעט געווען פון דעם זעלביקן עלטער, אין די אָנהייב דרייסיקער, חוץ איינער, זעליג סענדעראָף, דער פילאָדעלפיער: אַ ייד אין די אָנהייב פופציקער, אַ קרעפטיקער, אַ ברייטפּלייציקער, אַ מומחה איבער פערד און געשפאַן, נאָך פון דער אַלטער היים, איז געוואָרן דאָ דער ממונה איבער די פערד און געשפאַן און דער משגיח איבער די בעלי־חיים פון דעם ישוב; יוסף דער „פופצענער", אַ הויכער, אַ שמאַלביינערדיק קרעפטיקער יונג (מ'האָט אים גערופן דער „פופצענער" מחמת ער האָט געמוזט טראָגן אַ 15ער שוך), ביים פאַך אַ סטאָליער, איז געווען אַן ענטוזיאַסטישער אידעאַליסט און אַן ענערגישער טוער. ער האָט געזען אין דעם אויפבוי פון אַ ריין יידיש קאָאָפּעראַטיוון ישוב זיין טעריטאָריעלן אידעאַל מקוים צו ווערן. ברוך דער באַלטימאָרער, אַ מוסטער פון אַ האָרעפּאַשניק, האָט שוין איבערגעטאָן דאָ אין אַמעריקע כל עבודת פרך כדי מפרנס צו זיין זיין ווייב מיט צוויי קינדער; האָט תמיד געחלומט צו ווערן אַן ערד־אַרבעטער, צו דערווערבן זיך אַ שטיקל לאַנד און נחלה און פּטור צו ווערן פון די זאָרגן פאַר דאָס שטיקל חיונה. האָט דאָ, אויף דעם קאָאָפּעראַטיוון באָדן, געזען זיין גאולה און רעטונג. קלמן, אַן אינטעליגענטער בחור, באַהויכט פון דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל, האָט געזען אין דעם אויפבוי פון דעם קאָאָפּעראַטיוון ישוב אַ גאָר וויכטיקן עקספּערימענט פון אַ קאָמונאַלן צוזאַמענלעבן ביים שויס פון דער מאַמע־ערד.

עזרא מאַרטין, אַ פּראַקטישער יונגערמאַן, אַ ב ע ל ־ ה ת כ ל י ת, הגם אַן אַ באַשטימטן סאָציאַלן אידעאַל, האָט אָבער געוואָלט זיך באַפרייען פון שטאָטישן הו־האַ און לויפעניש; בטבע אַ „שמח בחלקו", האָט געהאָפט, אַז אין „דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה" און מ'קאָן ביי פאַרמעריי זיך דערשלאָגן צו אַ מער זיכערן און זאָרגלאָזן לעבן ווי אין דער גרויסער שטאָט. והראיה, האָט ער רעזאָנירט: „זעט, דער נאָענטער ניט־יידישער ישוב, וואָס איז אויך מיט יאָרן צוריק געווען מדבר־לאַנד, האָבן זיי, אויף אונדז געזאָגט געוואָרן, פיינע, גרויסע, שיינע נחלות, שפּייכלערס אָנגעפּראָפּטע מיט תבואות, גרויסע צאָלן שאָף און רינדער פיטערן זיך אויף זייערע פעלדער; גרויסע משפחות, זין און טעכטער ווי דעמבעס, אויפגעוואַקסן און דערצויגן אויף דער פרייער נאַטור אונטער אַ קלאָר בלויען הימל און זיכערע ערד אונטער זייערע פיס. ווארום ניט מיר יידן?..

„הורבי", אַן אינזשעניר און „סירוויייער", האָט געזען אין דעם פּראָיעקט פון אַ יידיש קאָאָפּעראַטיוון ישוב, אַ מעגלעכקייט פון אַ שטענדיקער באַשעפטי־קונג, אַ זאַך וואָס אין דער גרויסער שטאָט האָט ער עס ווייניק געהאַט.

און אַזוי האָט איינער ווי איינער געהאַט זיינע ספּעציפישע מאָטיוון, וואָס האָט אים פאַראינטערעסירט צו ווערן איינער פון די פּיאָנערן און בויער פון אַן אייגןווירטשאַפטלעכן לעבן.

אָט אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן זייער פּיאָנערנטום אין דעם ווייטן ווילדן מערב, אויף ערד פון קיין מענטשלעך פוס ביז דאַן ניט באַטראָטענער; פון קיין אַקער־אייזן ניט אויפגעבראָכענער.

חדשים לאַנג איז אָנגעגאַנגען אַן אומאויפהערלעכע, מיזאַמע און פיבער־האַפטיקע אַרבעט; פון קאַיאָר ביזן זון־פאַרגאַנג איז מען געווען באַשעפטיקט מיט צוגרייטן אַ גרויסן שטח באָדן פאַר אַ ווינטער פּאַרזיי; אַפּראַמען און אויסגראָבן די גרויסע און קלענערע שטיינער, וואָס זיינען געלעגן אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד פון כמה דורות; אויסגלייכן דעם וועג, וואָס האָט אים געפירט צום צענטער פון ישוב; אויך האָט מען געמוזט אויפשטעלן דערווייליקע „שענטיס" שטיבלעך פאַר די פּיאָנערן, וועמעס פרויען און קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן אַראָפּצוקומען אויף פרילינג. אַזוי האָט מען אויך געמוזט בויען שטאַלן פאַר דעם טאַבון פערד, וואָס בען און סענדראָף האָבן איינגעהאַנדלט פאַר דעם קאָאָפּעראַטיוו, און צו דעם אַלעמען האָט מען נאָך געמוזט פירן וואַסער פאַר דעם מענטשלעכן באַדאַרף פון דעם נאָענטן דאָרף, בערך אַ צוועלף מייל ווייט.

דאָך, ווי שווער דער אָנהויב איז געווען, ווי יעדער אָנהויב, איז אָבער אַלץ געווען ליב און ניחה; די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן מיט פרייד און געזאַנג, כל זמן ס'איז געווען דער גלויבן און בטחון אין דעם אידעאַל פון אַ גרויסע האָפענונגספולע דערגרייכונג צו אַ ליכטיקן, זוניקן, פרייהייטלעכן מאָרגן...

## ב

סיימאָן גרובעל איז געווען אַ זון פון די ערשטע פּיאָנערן אין אָט־דעם גרויסן, ברייטן גאָניסן טאָל. אין די אָוונטן, נאָך די נאַכט־מאָלצייטן, אַמאָל ביים ליכט פון די לויטערע לבנה־נעכט, אָדער ביי אַ דרויסנדיק שטיל פייער, פלעגט ער דערציילן זכרונות פון דעם נאָענטן עבר; וועגן די איבערלעבענישן פון די ערשטע פּיאָנערן:

— דער מדבר־טאָל — פלעגט ער דערציילן — איז דאָ גאָרניט געווען אַזוי פריינדלעך צו די פּיאָנערן! אין סאַמע אָנהויב פון זייער באַזעצונג — האָט סיימאָן זיי דערציילט — מיין פאָטער סטיוו גרובעל, גאָט בענטש זיין אָנדענק, איז געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אין די אָנהויב צוואַנציקער, ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער בריגאַדע פון בריגהעם יאַנג, דער גייסטיקער פירער פון דער דאָמאָלסט־דיקער מאָרמאָנישער סעקטע. געווען איז עס אין דעם יאָר 1846, ווען ס'האָט זיך גראַדע אָנגעהויבן דער ערנסטער שטרייט צווישן אַמעריקע און מעקסיקע איבער די טעריטאָריעלע רעכט פון טעקסעס, ניו־מעקסיקאָ און קאַליפאָרניע.

— דער דאַמאָלסטדיקער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דזשיימס פּאָלק, האָט געשיקט אַן אַרמיי פון אַכצן הונדערט מאַן קיין קאַליפאָרניע, און האָט אויך אַפּעלירט פאַר וואָלונטירן אין דער מלחמה מיט מעקסיקע. בריגהעם

יאַנג האָט תיכף געענטפערט אויף דעם אַפּיל פונם פּרעזידענט, אַז ער איז גרייט מיט פינף הונדערט פון זיינע נאָכפאָלגער גיין צום פראָנט. כידוע זיינען די מאָרמאָנען דאַן געווען זייער שטאַרק פאַרפאָלגט; געטריבן און געיאָגט פון שטאַט צו שטאַט, צוליב זייער גלויבן אין „פּאָליגאַמיע" (פיל־ווייבעריי). יאַנג האָט געהאָפט, אַז מיט אַט־דער פּאַטריאָטישער האַנדלונג זיינער וועט מען אים אויפהערן צו פאַרפאָלגן, אפשר לאָזן צורו, און ער וועט ענדלעך קענען געפינען אַן עיר מקלט פאַר זיך און זיין סעקטע.

— צום גליק האָט די מלחמה לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אָבער אַנשטאָט צו בלייבן אין קאַליפאָרניע, האָט יאַנג מיט זיינע נאָכפאָלגער בעסער אויסגעוואַנדערט אַהערצוצו, אין דעם דאַן נאָך פון קיינעם ניט באַזעצטן גרויסן יוטאַ טאָל. און טאַקע דאָ איז ער פאַרבליבן, און אַוועקגעלייגט אַ יסוד פאַר דער גרויסער מאָרמאָנישער רעליגיעזער קיניגרייך, און דאָ האָט ער טאַקע מצליח געווען.

— דער פאָטער מיינער פלעגט דערציילן וועגן די אומגעהויערע שוועריקייטן, די כלערליי מכשולים, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו באַגעגענען אויף אַט־דעם האַרבן, שווערן וואַנדערוועג פון אַלט־קאַליפאָרניע, ביז אַט־דעם יוטאַ־טאָל: הונגער, דאָרשט, שטורעמס און רעגנס. כלערליי וועטערן, היצן און קעלטן. אַ סך זיינען אויפן וועג אומגעקומען. אַ קאַראַוואַן מיט בוידן („קאָווערד וועגאָנס") מיט ווייבער און קינדער האָבן זיך געשלעפּט אויף משופּעדיקע בערג, דורכשניידנדיק וועגן און אומוועגן, ביז מ'האָט זיך ענדלעך, נאָך לאַנגע חדשים פון מאַטערנישן, קוים דערשלעפּט צו די ברייטע, אָפענע פּרייריס פון דעם גאָטגעבענטשטן טאָל און דעם קרישטאָל לויטערן „סאָלטעיר" (וואָס איז דער ברעג פון איצטיקער סאָלט־לייק).

— דאָ האָבן די פאָטערס אונדזערע אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן און אָנגעהויבן בויען, שאַפן ווירטשאַפטן; פאַרוואָרצלען זייער עקאָנאָמיש, סאָציאַל, רעליגיעזן לעבן. גוטע פעטע ערד איז דאָ געווען לרוב, פון קיינעם ביז דאַן נאָך ניט באַטראָטן, האָבן פייאיקע אַרבעטסוויליקע מענטשן גענומען פאַר זיך שטיקער לאַנד, ווי אונדזערע הייליקע האָבן געזאָגט: „דער הימל געהערט צו גאָט און די ערד פאַר דעם מענטשן." און אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן אַקערן און זייען, שאַפן און בויען. מיט זייער מי און פּראַצע איז זייער שפע געוואַקסן; די משפּחות האָבן זיך אָנגעהויבן מערן, סיי פון די ערשטע אָריבערגעקומענע און סיי פון די שפּעטער צוגעקומענע, ביז ס'איז געוואָרן איין גרויסע געמיינדע, וואָס האָט דערנאָך זיך אויסגעברייטערט, צעשפּרייט איבער דעם גרויסן, פעטן, זאַפטיקן טאָל. עס זיינען אויפגעשוואָמען גרעסערע און קלענערע ישובים, וואָס זיינען במשך די יאָרן אויסגעוואָקסן און זיך אַנטוויקלט; וואָס האָט זיי פאַראייניקט און געשטאַרקט, ווי איינער פון די שפּע'דיקסטע שטאַטן אין דעם ווייטן מערב.

לכתחילה האָבן די באַן־קאָמפּאַניעס, צו יענער צייט, צוגעזאָגט צו בויען באַנען; דערפאַר אָבער האָבן זיי קודם כל פאַרנומען טויזנטער אַקער לאַנד פון די סאַמע בעסטע; דערנאָך האָבן זיי פאַרקויפט דאָס לאַנד פאַר הויכע פרייזן. דאָס האָבן די באַן־מאַגנאַטן פּראַקטיצירט איבער דעם גאַנצן מערבדיקן ראַיאָן.

— איר, מיינע גוטע שכנים, זיינט געקומען אַביסעלע צו שפּעט. די בעסטע ערד פון דעם טאָל איז שוין פאַרנומען געוואָרן, אָדער ווערט געהאַלטן פאַר ספּעקולאַציע און הויכע פרייזן. אָבער איר זייט נאָך אַלץ ניט צו שפּעט. אויב

אייער חשק און ווילן צו אַרבעטן וועט אייך ניט פאַרלאָזן, וועט איר אויך מצליח זיין, ווי אייערע שכנים אַרום.

מר. גרובעל האָט זיך אָנגעבויגן צום שטילן פייער, וואָס האָט געטליעט אויף דער ערד ביי די אַרומזיצנדיקע, און מיט אַ צינדל פאַררויכערט זיין פאַרלאָשענע פּיפּקע און ממשיך געווען:

— אייך איז בכלל אַ סך גרינגער ווי אונדזערע ערשטע פּיאָנערן וואָס זיינען אַריבערגעקומען אַהערצוצו. איר האָט דאָ שוין אָנגעטראָפן אַ צאָל פריינדלעכע דערפער אַרום, וואָס דאָס רוב זיינען אפילו גרייט אייך צו העלפן מיט גוטע עצות און אָנווייזונגען. און בעיקר, אויף וויפיל מיר ווייסן, וועלן אייערע גלויבנס־ברידער אייך ניט לאָזן פאַלן. זיי וועלן אייך שטיצן אין אַן עת־צרה. איר זיינט אַ פאָלק פון אַחדות צווישן זיך. אונדזערע האָבן חתילת טאָפּל געליטן, סיי פון פאַרפאָלגונג צוליב אונדזער גלויבן און סיי צוליב די שרעקלעכע אָרעמקייט. מיר האָבן אָנגעהויבן אָן מיטלען צום לעבן, אָן פעלד־מכשירים, אָן בעלי־חי צו באַאַרבעטן די ערד. מ'האָט זיך געשפּייזט פון יאַגד, יעגעריי... געלעבט אין היילן פון דער ערד; אָפט באַפאַלן געוואָרן פון ווילדע הונגעריקע „קאַיאָטן" און „בעדזשערס", וואָס פלעגן די שאָף און דאָס ביסל עופות דערשטיקן און אויפפרעסן.

— אַ שווער לעבן געווען, מיינע פריינד, זייער אַ שווער לעבן! איר וועט אַזאַ ביטערן גורל דאָ נישט האָבן; איר האָט דאָ פון וועמען אַ ביישפּיל זיך אַראָפּ־צונעמען און פון וועמען עפּעס צו לערנען. בפרט נאָך, אַז דער איריגאַציע פּראָיעקט, וואָס ווערט פון דער אַדמיניסטראַציע פּלאַנירט דורכצופירן אין דעם ראַיאָן פון טאָל, וועט דאָס גאָר זיין אַ ברכה צו דער ערד און א י ר וועט זיין פון די גאָט־געבענטשטע און גליקלעכע זיך מיט דעם צו באַנוצן.

די ערשטע צוועלף יידישע פּיאָנערן פלעגן מיט גרויס אינטערעס און גערן זיך צוהערן צו אָ־דעם גוטן אַלטן פאַרמער, סיימאָן גרובעל, וועלכער איז געווען צו זיי אַ לערער, אַ מדריך אויף אָט־דעם צו זיי פרעמדן און נייעם דרך־המלך, וואָס זיי האָבן פאַר זיך אויסגעקליבן. ער האָט זיי אַ סך גרינגער געמאַכט זייער שווערן אָנהויב, דאָס אַקלימאַטיזירן זיך, דאָס איינלעבן זיך אויף אָט־דעם רויען באָדן. זיינע האַרציקע וואַרעמע רייד און דערפאַרונג, וואָס ער האָט זיי איבער־געגעבן, האָט זיי געמוטיקט אין זייער אַרבעט, געשטאַרקט זייער עקשנות און צעבליט ביי זיי דעם בטחון און האָפענונג אויף דער רעאַליזירטן חלום זייערן...

## אָפּרופן אויף די נייע ביכער פון י. פרידלאַנד און מאַטעס דייטש

איבער „וואַנדערונגען און נסיונות" פון י. פרידלאַנד, האָבן געשריבן: סאָלאָ־מאָן קאַהאַן, אין דער „שטימע" (מעקסיקע); מ. פּערלמוטער, אין „פרייע אַרב. שטימע" (ב. י.); מאַטעס דייטש אין „חשבון" (ל. א.); י. אייזנבערג און דוב סדן: ספר באידיש, אין דעם „הבוקר" (ישראל).

איבער מאַטעס דייטש: „צום נאָענטסטן שטערן יידיש", האָט יעקב גלאַט־שטיין רעצענזירט אין „אידישן קעמפער"; „דאָס פרייע וואָרט" (בוענאָס איירעס); אברהם לעוו אין מפא"י'ס וואָכנשריפט (ישראל).

ז. בונין

# אַכטער יאָרצייט

(געהייליקט ליבעלעס אָנדענק)

ליבעלע:
ס'האָט זיך מיר געדאַכט,
מעפּיסטאָ האָט געלאַכט,
ווען איך האָב פאַרנומען דאָס געוויין
פון דיין פאַרשניטן נאָמען,
געקריצט אויף טויטן שטיין —
ניין,
ניט דער שטיין,
מיין האַרץ האָט געוויינט.
און איך, דער נאַר, האָב געמיינט,
דער שטיין האָט געוויינט.

## אין שוואַרצן טו זיך אָן

אין שוואַרצן טו זיך אָן,
און מיט וויינענדיקע הענט
אַ ליכט צינד אָן,
און מאַך אַ ברכה:
להדליק נר של שאָטן
פון אַ פלאַם,
וואָס האָט אַמאָל געברענט.
און ווען אויף סופיט און ווענט
וואַקלען וועט דער שאָטן,
ווי עס וואַקלט זיך אַ מאַריאָנעט
אויף טאַנצנדיקע דראָטן —
זאָג:
אַזוי וואַקלט זיך מיין שווער געמיט
און קען צו זיך ניט קומען,
זינט דער שר פון אַלע סופ'ן
האָט דיך אַוועקגענומען.

---

## וואָס טוט איר פאַר דעם זשורנאַל „חשבון"?

ס'איז דער חוב פון דעם בעסערן יידיש לייענער צו ווערן אַן אַבאָנענט אויפן איינציק יידיש־ליטעראַרישן זשורנאַל אין לאָס אַנגעלעס. אָפּצאָל $3.00 אַ יאָר.

ע. פערשלייסער *)

# שין מיללער

ס'איז שוין געוואָרן אַ קלישעי אין דער ליטעראַטור-קריטיק, אַז ברוך גלאַזמאַן איז פון אַלע אונדזערע דערציילערס דער אַמעריקאַנישסטער; אַז ער איז געווען טיפער פאַרוואָרצלט אין אַמעריקאַנער באָדן און געהאַט אַן אינטימערע פאַרשטענדעניש פאַרן אַמעריקאַנער יידישן מענטש, זיין פסיכאָלאָגיע און לעבנס-שטייגער, ווי יעדער אַנדער יידיש-אַמעריקאַנער שרייבער. די קלישעי, ווי אַלע קלישעיען איז געווען לכתחילה אַ האַלבער אמת און דאַרף היינט — נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַר זיך דאָס געענדיקטע לעבנס-ווערק פון ש. מיללער — רעוויזירט ווערן. ווען עס קומט צו אַמעריקאַנער טעמאַטיק, אַרומנעמען דאָס גאַנצע יידיש-אַמעריקאַנישע לעבן מיט זיין לשון, פּירעכצן און טועכצן, מאַטעריעלן און גייסטיקן מיליע פון יידישן מענטש אין אַמעריקע, דאַרף מען, לפי דעתי, אויפן ערשטן פּלאַץ אַוועקשטעלן ש. מיללערן.

אמת, ברוך גלאַזמאַן איז געווען מער אייגנאַרטיק—אַריינדרינגענדיק, מיט אַן אייגענעם אופן זען און צעגלידערונג קראַפט. ש. מיללער איז געווען אַ טרוקענער רעאַליסט, ווי ל. שאַפּיראָ האָט אים אָנגערופן, אָבער טאַקע דערפאַר האָט ש. מיללער געזען דאָס טיפּישע, פאַרנומען זיך מאָלן די סאָציאַלע סביבה, דעם פריש זיך פאַרמירנדיקן לעבנס-שטייגער פון אַמעריקאַנער ייד; אָפּגעשטעלט זיך באריכות אויף זיינע מאַטעריעלע אינטערעסן, זיינע פּרנסות, זיין אופן ריידן, זיין אופן לעבן. ש. מיללער האָט געשריבן מיט פּינקטלעכער געטרייקייט צום לעבן— ווי נאַטוראַליסטישע רעאַליסטן טוען עס — די געשיכטע פון יידישן לעבן אין אַמעריקע.

אין דעם ליגט ש. מיללערס אויפטו און באַטייט, ניט ווי אַ סך קריטיקער ווילן האָבן, אין זיין שאַרפן קהלת'דיקן משפטן און פאַלמעסן פון מענטש. ווי אַ פסיכאָלאָג, נשמה-פאַלמעסער און מענטש-קריטיקער און אַנקלעגער איז ש. מיללער פון קלענעם באַטייט, קינסטלעריש געמאָסטן. ער קאָן זיך ניט פאַרגלייכן אין דעם צו די שוין אויבן-דערמאָנטע ברוך גלאַזמאַן אָדער ש. מיללערס פריינט און רבין, ל. שאַפּיראָ, אָדער אַנדערע קינסטלער-דערציילער אונדזערע.

ש. מיללערס וועג פון פאַרנעמען זיך אין דער ברייט, ווערן דער רעאַליסטישער שילדערער פון דעם יודעאָ-אַמעריקאַנער מין מענטש — מסתמא דיקטירט פון דעם כאַראַקטער פון זיין טאַלאַנט — האָט במילא געמוזט אַראָפּשטופּן אויפן צווייטן פּלאַץ דאָס גריבלען זיך אין אינדיווידועלער פסיכאָלאָגיע, צו וועלכער ש. מיללער האָט געהאַט אַ נטיה, ווי אויך צו מאָראַליזירן און מוסר זאָגן, מאָנען צדק און יושר און אַנדערע שיינע מידות, וואָס זיינען עסענציעלע קוואַליטעטן פון יעדער יידישער נשמה, און וואָס יעדער יידישער שרייבער איז מיט דעם באַשאָנקען.

אַז ש. מיללערס שרייבערישע וואָרצלען האָבן געשטעקט אין אַ טיפן יידיש-עטישן באָדן, דערויף זאָגט עדות זיין עקשנותדיק, ביזן לעצטן טאָג אָנהאַלטנדיקע פּראָדוקטיוויטעט, ניט געקוקט אויף דער שווערער פאַרצערנדיקער קראַנקהייט,

---

*) פערשלייסער ע"ה האָט די אַרבעט אונדז צוגעשיקט ספּעציעל פאַרן „חשבון" עטלעכע וואָכן פאַר זיין פּלוצלונגן טויט. רעד.)

וואָס האָט אונטערגעגראָבן בהדרגהדיק זיינע כוחות און אים פאַרקריפּלט, און לסוף געמאַכט פאַר אַן אינוואַליד. אַזאַ אומאויפהערנדיקע פּראָדוקטיוויטעט, באַוואוסטזיניק געקירעוועט פון מאָראַלישן כוח פון קינסטלער, וואָס וויל זאָגן זיין וואָרט כל זמן שהנשמה בקרבו, זאָגט עדות אויף קינסטלערישער עכטקייט וואָס זוכט אויסצופירן מסירת־נפשדיק די שליחות וואָס יעדער אמתער קינסטלער פילט.

ש. מיללער האָט זיך מיט זיין יעדן בוך דערציילונגען, וואָס איז דערשינען, דערוואָרבן אַ מער חשובן און סטאַבילן אָרט אין אונדזער בעלעטריסטיק. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ — אַ נאַטירלעכע פאַר נאַטוראַליסטישע רעאַליסטן — פאַר גרעסערע קאַנוועס, נאָוועלעטן, נאָוועלן און ראָמאַנען. זיינע צוויי ראָמאַנען: „דור הפלגה" און „דור המדבר", זיינען אמתע אַמעריקאַנער ראָמאַנען. זיי קומען צום נאָענטסטן צו דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט, זיינען לעבנס־געטרייע שילדערונגען פון לעבן. זיי זיינען אַזוי לעבנס־געטריי אַז מיר פאַרלירן צומאָל פון אויג דעם שרייבער און זעען ווי אַ פאָטאָגראַפיש בילד. אָבער באַלד רייסט זיך דורך דער קלוגער שפּאָט פון ש. מיללער. אין זיינע ראָמאַנען איז ש. מיללער געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון אַמעריקאַנער נאַטוראַליסטישע ראָמאַניסטן, צו וועלכע זיין מעטאָד האָט אַ נאָענטע קרובהשאַפט, ווי טעאָדאָר דרייזער און פאַרעל, און אויך אַ שמץ פון קנוט האַמסון, וועלכער האָט באַאיינפלוסט כמעט יעדן שרייבער פון זיין צייט.

אַ שרייבער דאַרף צייט זיך אַריינצואַרבעטן אין אַ זשאַנער. ווען ש. מיללער שרייבט נאָר ראָמאַנען וואָלטן מיר בלי ספק באַקומען פון אים דעם בעסטן און לעבן־געטרייסטן ראָמאַן פון דער יידישער אַמעריקע.

אין די דערציילונגען זיינע זעען מיר ש. מיללער איז געוואַקסן, ווי דאָס אייגענע, דאָס קינסטלעריש פּאַרטיפּטע קומט שאַרפער און אַלץ אָפטער אַפיר, הגם ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן — דער נאַטוראַליסטיש־רעאַליסטישער מעטאָד פון ש. מיללער האָט ניט דערלאָזט עס זאָלן זיך מער אָנזען דער פּערזענלעכער לעבנס־קוק פון שרייבער, זיין שאַרפער סאַטירישער חוש, זיין קלוגער שפּאָט, זיין פּסיכאָלאָגיש־מוחדיק גריבלען זיך און יידיש פּשטלען. ס'איז געווען אַ ויתרוצו צווישן דעם ש. מיללער דעם בעלעטריסט, וואָס האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו שטיין פון דער זייט און דערציילן, שילדערן, און ש. מיללער, דעם קלוג־שאַרפן מענטשן־קריטיקער. צו אַ מזג טוב איז קיינמאָל ניט געקומען. דער מענטש ש. מיללער און דער קינסטלער האָבן ניט געאַרבעט האַנט אין האַנט.

זיין גרעסטער אויפטו איז ש. מיללערס לשון. ש. מיללער האָט מיט זיין לשון אָפּגעראַמט פון וועג דעם גרעסטן אבן־נגף פון יעדן יידישן בעלעטריסט וואָס מוז געפינען די פּאַסיקע שפּראַך פאַרן אַמעריקאַנער ייד, סיי פאַר דעם וואָס רעדט ענגליש, סיי פאַר דעם וואָס רעדט אַן אַמעריקאַנער יידיש. פאַרן יידיש־אַמעריקאַנער בעלעטריסט איז דאָס פון תמיד אָן געווען דאָס שווערסטע פּראָבלעם בייצוקומען.

ש. מיללער האָט געלייזט דעם פּראָבלעם קלוג — דורך פּשרה. ער האָט ניט געהאַלט ווי די פּוריסטן, די אוהבי יידיש, אַז מ'טאָר חלילה ניט פאַרשוועכן יידיש מיט אַן ענגליש וואָרט. ניין, ש. מיללער האָט אַ סך אַמעריקאַנישקייט אַריינגעפירט אין זיין יידיש, אָבער ער האָט אָנגעהאַלטן דעם יידישן נוסח. זיין יידיש איז אַ רייכער אידיאָמאַטישער יידיש, פול מיט אַלט־יידישע זאַפטן און אויך

מיט די נייע זאַפטן פון דעם נייעם גלות־אַמעריקע. דעם אַמעריקאַנעם תוספות צו מאַמע־לשון האָט ש. מיללער גאַנץ אייגנאַרטיק אַריינגעפירט, מיט אייגענע אינאָוואַציעס, אָבער אויסגעהאַלטן, שכלדיק, אַזוי אַז עס קומט אַרויס אַ גוטער יידישלעכער יידיש, וואָס קלינגט ווי אַן אַמעריקאַנער יידיש וואָס דער אַמערי־קאַנער ייד דאַרף ריידן, כאָטש באמת רעדט דער אַמעריקאַנער ייד אַזוי ניט. אַז ער רעדט שוין יאָ יידיש, איז זיין יידיש אַ פאַראַמעריקאַנישטער. דער אַמע־ריקאַנער ייד וואָלט זיך געמעגט נעמען ש. מיללערס יידיש ווי אַ מוסטער ווי צו ריידן יידיש.

בנוגע יידיש פאַרגעסט ש. מיללער אין זיין נאַטוראַליסטישן רעאַליזם און מאַכט ניט נאָך דעם לעבן נאָר ווייזט דעם לעבן דעם וועג.

איך געדענק למשל, ווי אַ דאָקטאָר, אין זיין דערציילונג „נעכטן", פון זיין לעצטן בוך דערציילונגען אונטער דעם נאָמען, וואָס האָט מסתמא אין דער ווירק־לעכקייט גערעדט ענגליש, רעדט יידיש מיט ווערטלעך, מיט חכמהלעך, און ס'קומט אַרויס גאַנץ נאַטירלעך און רעאַליסטיש.

ש. מיללער איז געווען אַ מאַריך און זיין נאַטירלעכער דרך איז געווען אַ באַריידעוודיקער. ווען ער האָט פון זיין רבין און פריינט, ל. שאַפּיראָ, געוואָלט איבערנעמען די תורה פון צמצום, בפרט אין זיין שפּראַך, ווען ער לאָזט זיינע כאַראַקטערן ריידן מיט אָפּגעהאַקטע טעלעגראַפישע קיצורים, קומט עס אַרויס ניט נאַטירלעך געקינצלט.

איך וויל זיך נאָך אַביסל מער אָפּשטעלן אויף ש. מיללערס דערציילעריש־ן רעאַליזם. איך האָב שוין דערמאָנט אַז ל. שאַפּיראָ רופט מיללערן: דער טרוקע־נער רעאַליסט. די עקזאַקטע באַצייכענונג פאַר ש. מיללערס רעאַליזם איז — לפי דעתי — לעבנס־געטרייער רעאַליזם, אָדער נאַטוראַליזם. דאָס איז אַ רעאַליזם פון אָנהויפן מיט אָן אַ שיעור דעטאַלן, די „ווירקלעכקייט פון לעבן," איבערגעבן פונקט ווי די זאַך קומט פאָר, אַלץ וואָס די מענטשן האָבן גערעדט און ווי זיי האָבן גערעדט, וואָס זיי האָבן געטראַכט. דער סאָרט רעאַליזם ווערט היינט באַטראַכט ווי פאַרעלטערט, אָבער דער גוט־איינגעפונדעוועטער מעטאָד ווערט נאָך אַלץ (בפרט ביי אונדז) מיט פאַרשיידענע וואַריאַציעס גענוצט און קאָן ביי אַ שרייבער מיט טאַלאַנט געבן גרויסע רעזולטאַטן. דער סאָרט רעאַליזם איז צעצויגן, באַריידעוודיק, ווערט צומאָל לאַנגווייליק. דער סאָרט רעאַליסט איז אַזוי להוט צו שילדערן אַזוי געטריי ס'לעבן, אַז ער פאַרגעסט דעם צוליב וואָס, דעם מאַי קא משמע לן? דאָס איז בפרט אַ גרויסע געפאַר פאַר אַ שרייבער פון קורצע דערציילונגען, אַ פאָרם וואָס איר עצם איז קורצקייט, וואו דער אינצידענט אָדער סיטואַציע אָדער שילדערונג דאַרפן זאָגן עפּעס מער ווי דאָס געשילדערטע אָדער דערציילטע.

יעדער עכטער שרייבער ברענגט, אפילו ווען ער נוצט אַן אַלטן איינגעפונ־דעוועטן מעטאָד, עפּעס אייגנס. ש. מיללער איז אַ גוטער סביבה־מאָלער. ער האָט אויסגעמייסטערט, במשך זיין לאַנגן וועג, זיין שפּראַך (ווי איך האָב שוין באַמערקט, איז דאָס זיין גרעסטער אויפטו). די רייד, דאָס באַנעמען זיך פון זיינע כאַראַקטערן, איז קאָרעקט, לעבנס־געטריי, כאָטש ניט פאַרטיפט. ש. מיללער האָט גענומען אַ טעמע און אויפגעבויט אַלץ ווי ס'קומט פאָר אין לעבן. ער האָט געפאָרשט און אויסשטודירט (די נאַטוראַליסטן האָבן עס גערופן: דאָקומענטירט)

ניט איבערגעהיפּערט קיין שום זאַך. ער האָט געוואָלט אַרויסקריגן די עקזאַקטע לעבנס־ענלעכקייט. אין ענגליש איז דאָ אַ גוט וואָרט דערפאַר: „ווערִיסימיליטוד."

ש. מיללער האָט זיך באַמיט צו געבן זיין דערציילונג וואָס מער לעבעדיקייט (דאָס האָט ער באַוויזן מיט שפּראַך), פאַראינטריגירן אונדז מיט דער דינאַמישקייט פון דער אַקציע; דעם פאַנאַנדערוויקלען און אויספּלאָנטערן אַ פאַרפּלאָנטערטן סיפּור המעשה. ער האָט ליב שאַרפע דראַמאַטישע „פּלאָטס", שפּאַנונג. ניין, קיין זאַך איז ניט פאַלש, צוגעטראַכט אָדער אויסגעטראַכט. אַלץ איז גוט צוגע־גרייט און אויפגעוויקלט. אָבער ס'איז פאָרט דאָ עפּעס מעכאַנישעס, אויסגע־טראַכטס אין דער פאַרטראַכטער, אויסגעפּלאַנירטער טעמע, אין דעם שטעלן דעם דגש־חזק אויף דער סיפּור־המעשה.

ש. מיללערס דערציילונג ווערט אָפט קינסטלעריש אָפּגעשוואַכט צוליב דעם נאָכגיין דער אויסגעפּלאַנירטער טעמע, דורך פאָרסירטע דראַמאַטישע איינפאַלן און סיטואַציעס.

דאָרט וואו ש. מיללער ווערט געפירט ווי בעל־כרחו פון זיין טעמע און אירע פאָדערונגען, בפרט אַ נאָוועליסטישער טעמע מיט אַ סך כאַראַקטערן און סיטואַציעס, איז ער שוואַכער ווי דאָרט, וואו ער האָט אַ פּשוטע דערציילערישע סיטואַציע. אין זיינע לענגערע נאָוועלן איז דער ויתרוצצו — וואָס איך האָב שוין דערמאָנט — צווישן ש. מיללער דעם רעאַליסטישן לעבנס־שילדערער און ש. מיללער דעם פאַרביטערטן אָפּשפּעטער און יידישן מאָראַליסט, ניט אויפגע־לייזט. עס קומט ניט קינסטלערישע שלימות, צי האַרמאָנישקייט.

איך בין מסכים מיט דר. ביקל, וועלכער האָט ריכטיק באַמערקט וועגן ש. מיללערס לעצטן בוך דערציילונגען „נעכטן", אַז דערציילעריש, קינסטלעריש, קומט צום בעסטן אַרויס די קורצע דערציילונג: „אַרויס פון די האָלאָבליעס", וועגן אַ יידישן בחור, אַ ריקשאַ־פירער, וואָס האָט זיך צעבונטעוועט פירנדיק אַ צעבאַלעוועט רייך פּאָרל, וואָס קוקט אויפן ריקשאַ־שלעפּער ניט ווי אויף אַ מענטש מיט וועמענס געפילן מען דאַרף זיך רעכענען. די קורצע קאָנצענטרירטע סקיצע איז טעכניש־קינסטלעריש, ווירקזאַמער, ווי די ל אַ נ גע נאָוועלן אין וועלכע מיר קריגן אַזויפיל נאַטוראַליסטישע אינפאָרמאַציע און באַריכותדיקע לעבנס־געטרייע שילדערונגען, אין וועלכע ס'פעלט אָבער דעם שרייבער'ס טיף אייגענער פּירוש.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

דער ענטפער, גלויב איך, איז: דער ויתרוצצו צווישן אַ שרייבער וואָס וויל ווערן אַ מין אַ צד שטייענדיקער עפּישער נאַראַטאָר און דעם פערזענלעך באַטיי־ליקטן מאָראַליסט, מבטל־מאַכער און סאַטיריקער (סאַטיריקער זיינען מאָראַ־ליסטן), וועלכער ליידעט נאָך דערצו פון אַ פערזענלעכער טראַגעדיע, פירט אַ קאַמף קעגן אַן אומברחמנותדיקער קראַנקהייט.

מיר דוכט זיך אויס, אַז ש. מיללער, דער קראַנקער, שווער־געפייניקטער מענטש, האָט אויף זיך גענומען טראָגן דעם גזר; ניט געוואָלט צולאָזן דאָס פער־זענלעכע זאָל זיך אַריינמישן אין זיין אָנגעצייכנטער לעבנס־אַרבעט; ווערן אַן אָביעקטיווער דערציילער־עפּיקער און לעבנס־שילדערער. ווען ס'איז געוואָרן צו שווער האָט ער פאַרשטשעמעט די ליפּן און געהייסן זיך שוויגן. דאָס פערזענ־לעכע רייסט זיך נאָר זעלטן דורך אין אַ דערציילונג פון ש. מיללער. נאָר זעלטן

**מאַטעם דייטש**

# מיט קאָפּ און מיט טראָפּ

## (נאָטיצן בעתן לייענען)

### י. פּאַפּערניקאָוו׳ס „היימישע און נאָענטע״

(פאַרלאַג י. ל. פּרץ ביבליאָטעק, ישראל, 1958)

אַז פּאָעטן קענען אויך שרייבן גוטע, פליסיקע פּראָזע, איז דעם לייענער פון לאַנג שוין באַקאַנט; דער דיכטער י. פּאַפּערניקאָוו איז טאַקע איינער פון אַזעלכע פּאָעטן, וואָס האָט מיט זיין בוך „היימישע און נאָענטע״ זיך קונה־שם געווען ווי אַ גוטער פּראָזאַאיקער. ער האָט באַוויזן אַז דער דאָזיקער פּאַקט איז אַ שם־דבר — אויסגעהאַלטן.

דאָס בוך פאַרמאָגט צוויי טיילן: ערשטער—32 בילדער—היימישע; און דער צווייטער—16 פּאָרטרעטלעך און כאַראַקטעריסטיקעס פון שרייבער פון זיין דור — נאָענטע.

אין דער ערשטער טייל שילדערט דער אויטאָר, אויף אַן אויטאָביאָגראַפישן אופן, זיין היים, סביבה, דעם מצב פון פּוילן בכלל, און דער עיקר—די מיליע פונעם פּראָלעטאַריאַט, די אָרעמשאַפט און אויך זיין אייגענע דיכטערישע אַנט־וויקלונג און פּאָעטישן אויפשטייג אינעם וואַרשווערער יידישן פאַרלויף, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן און פאַרטיליקט.

די בילדער זיינען געשילדערט זייער פּיקטורעסק; קורצע סקיצן וואָס זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט אַ סדרדיק, קאָמפּאַקט לעבן; כאָטש אַן אָרעמקייט, דאָך איז עס מיט אַן אומגעהויער, צאַפּלדיקער געשפּאַנטקייט. ממש ווי אַ פיש וואָס איז נאָר וואָס אַרויסגעצויגן פונעם וואַסער. . . עס וואַרפט זיך, עס קעמפּט, עס האָפט און איז פול מיט דערוואַרטונג פון דער וועלט; דערהויפּט די יוגנט פון יענער צייט און די הערלעכע יוגנט איז דאָך אונדז זייער גוט באַקאַנט מיט איר העראָאיזם און אידעאַליזם.

סע איז היפּש פריידיק צו דערפילן בעתן לייענען דעם הומאָר וואָס פליסט אַרויס פון די סיטואַציעס, פונעם דיכטערס מאָלן געשטאַלטן און שילדערן די סביבה וואָס זיין פּאָעטישע פעדער צייכנט פאַר אונדז אַזוי רעאַליסטיש אין שוואַרץ־און־ווייס ליניעס און קאָנטורן, אַזוי פּאַרדינט, אַז עס דערגרייכט די קינסטלערישע פאָרם פון נאָדלשטאָך־געקריץ אויף קופּער. אַ סך מאָל פירט ער מיט זיין פעדער פאַר אונדזערע אויגן ווי אַ דיריגענט מיטן באַטאָן, וואָס ציט אַרויס די מוזיק דורך די דינסטע טענער פאַר אונדזערע אויערן; ער טוט עס מיט זיין פּאָעטישער פען פאַר אונדזערע אויגן.

---

שיינט אַרויס דאָס אייגענע ליריש־פאַרחייטאָגטע אָדער ביטער געמיט פון ש. מיללער. ס׳רוב זעען מיר דעם מן־הצד־שטייענדיקן דערציילער־רעאַליסט, וואָס האָט אויף זיך גענומען דעם אויפגאָב צו געבן אונדז אַן אָביעקטיוו בילד פון דער יידיש־אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט.

כמעט יעדער בילדל ענדיקט ער מיט אַ געבענטשטן הומאָריסטישן פּסוק, אַ קינסטלעריש חנדעלע. אַזוי למשל פאַרענדיקט ער דאָס בילדל „איך וויל ניט דינען,“ אויף אַזאַ הומאָריסטישן שטייגער:

„די שילדערונג פון מיין ערשטער וואוינונג, האָב איך אָנגעהויבן פון מיין בעטל, ווייל צוליב ענגשאַפט און „היגיענע“ האָב איך אין מיין בעטל געהאַלטן מיינע פאַר העמדער, מיינע מלבושים און אויך מיינע מאַנוסקריפּטן. צוליב דער דאָזיקער „באַקוועמלעכקייט“ פון מיין ערשטער דירה, פלעג איך אויף דער פראַגע וואו איך וואוין — קורץ ענטפערן: „אין אַ בעטל“...

אָט אַזעלכע טרעפלעכע חנדלעך באַצירן זיינע בילדלעך גאָר היפּש.

פון די 16 שרייבער־פּאָעטן זייַנען מערסטנס די שילדערונגען אַזוי גראָ־רעאַליסטיש פּיקסירט, אַז סע ווערט אימהדיק דאָס אייגענע לעבן איבער זייער טראַגישן סוף. נאָר איין איינציק פּאָרטרעטל: „הערש דאַנילעוויטש (הערשעלע)“ איז געמאָלן ווי אַן עכטע הומאָרעסקע, אַ קונסטווערק וואָס דערגרייכט די מדרגה פון בעלעטריסטישן אויפן פאַרגעשטעלט.

סע איז באמת צו באַגריסן דעם דיכטער פּאַפּערניקאָוו, צום געבורט פון זיין בוך „היימישע און נאָענטע“, מחמת מיט אָט־דעם בייטראַג זייַנעם צו דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער צוגעטראָגן אייגנאַרטיקס בנוגע דער מעמואַריסטיק הן פונעם אויטאָביאָגראַפישן ווערט און הן פון קוקווינקל וואָס איז שייך שרייבע־רישע סביבה און קאַלעגן. סע איז אַ מין פּאָעטיש־אינטימע פאַרגאַנצונג צו די לעקסיקאָנען פון מלך ראַוויטשעס שניט, לויט מיין מיינונג — עס לעבט אויף די שרייבער־וועלט מיט אַלע אירע לעבעדיקע בירגער, וואָס קאָנען ניט פאַר־ווישט ווערן פון דער צייט...

אין אָט די געבענטשטע ביכער ווערן געוויזן דער וואַלד, די שטאַמען, די וואָרצלען פונעם פּולסירנדיקן אַמאָליקן לעבן אין די יידישע שטעט און עס דערזעען זיך די אָדערן פונעם ליטעראַרישן יידיש־בוים, וואָס ער האָט זיך פּיל־צווייגיק און בלעטערדיק צעוואַקסן און פיל פאַרשיידנאַרטיקע פּירות געגעבן דעם יידישן פאָלק, דעם יידישן לעבן. נאָר ליידער איז דער ווייטיק אַזוי קאַטאַס־טראָפאַל פאַר אונדז, דורך דעם וואָס פילע פון די גרויסע דעמבעס זייַנען צוזאַמען מיט די יונגע שפּראָצונגען פאַרטיליקט געוואָרן.

דערפאַר אָבער ווילט זיך זייער שטאַרק האָפן, אַז דאָס צווייטע בוך פון דעם מין קאַליבער וואָס דער דיכטער פּאַפּערניקאָוו וועט שרייבן, זאָל זיין פול מיט יידישער פריייד און אַ געזונט־פּרוכפּערדיק לעבן, ווען ער וועט שילדערן די סביבה פון זיין נייער היים — ישראל.

## זלמן זילבערצוויג׳ס זאַמלבוך:
## „אחד־העם און זיין באַציאונג צו יידיש“
(פאַרלאַג אלישבע, לאָס אַנגעלעס, 1956)

זלמן זילבערצוויג איז בלב ונפש אַ לעקסיקאָניסט, אַ מאָנאָגראַפיסט און דער עיקרשט — אַ טעאַטראַליסט. מיט זיין בוך וועגן וועלכן ס׳ווערט דאָ גע־שריבן, האָט ער באַוויזן אַז ער איז אַ היסטאָרישער קאָמפּילאַטאָר, אַ צוזאַמענ־שטעלער פון אַזאַ מין אַנטאָלאָגיע פון אַרטיקלען וואָס טראָגן אַן אַלטן אַרגומענ־

טירנדיקן כאַראַקטער אַרום העברעאיש, יידיש און אַנדערע יידישע אַנטיקע לשונות, מיט וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט זיך באַנוצט און געשאָפן אויף זיי גייסטיקע ווערטן.

סע איז זייער שווער זיך דערטראַכטן צו דער הויפּט־סיבה, אָדער מאָטיוו פונעם מחבר׳ס אָנשטרענגען זיך מיטן אַרויסקומען מיט אַזאַ מין ווערק אין אונ־דזערע טעג. וואָרעם דער היסטאָרישער מאַטעריאַל וואָס זילבערצוויג וועקט אויף פון זיין אַלטן שלאָף, רוט אין דער פאַרגאַנגענהייט ווי אַ טויטע קויל וואָס דווקא איצט איז עס ניט מער ווי אַ שפּרענקעלע אַש אין אַ בלינדנס אויג; כ׳מיין אַז די איצטיקייט אונדזערע איז צו אַזאַ מין ריב־הלשונות, דאָס ווידער אַרומקריגן זיך בנוגע יידיש־העברעאיש, בלינד און נאָכמער—טויב. סע איז דאָ ביי אונדז נאָר דער אייניקווערטיקער כוח פון דער ברוטאַלער וואָר; אי דאָס פון דער איצט־ווירקלעכער וואָר און דער גאַנצער רעטראָספּעקט איז דאָ איבעריק, הילפלאָז און היפש טראַגיש.

די צוקונפט וויגט זיך נאָך אַלץ אויף דער וואָגשאָל פון האָפענונג . . .

דער סוף פסוק איז נישט אָנגעשריבן, דעריבער איז נאָך גריילעך פרי צו דרשענען — איין לשון וועט איינשלינגען דאָס צווייטע ? דערויף טאָרן מיר ניט זיין די בעלי דעה, און ווער קען עס זיין דער פּוסק אחרון צו פסקענען דעם דין; יאָ, דאָס איז עס?! בפרט אין דער אַטאָמישער תקופה אין וועלכער מיר לעבן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם און די גאַנצע וועלט ציטערט אימת־מוות אַז אירע מענטשלעכע אוצרות זאָלן חלילה ניט אָפּגעווישט ווערן צוזאַמען מיטן חי־אדם ; דאָס הייסט, טאָמער וועט זיך כרושטשאָוו צי אַן אַנדערן, וואָס האַלט די וועלט־לייצעס אין זיין האַנט, באַפאַלן דעם שיגעון און זיך אַ שפּיל טאָן מיט אַטאָמישער געפאַר; איז וואָס פאַר אַ ווערט האָט שוין אַלץ און אַלעס? דעריבער טאָר קיינער פון די בני ישראל נישט ריידן אַזוי תקיפיש מכוח די צוויי פאָלק־שפּראַכן אונ־דזערע, ווי עס רעדט אין זיין אַרטיקל חיים נחמן ביאַליק, וואָס זילבערצוויג האָט עס אין זיין זאַמלבוך איינגעבונדן אין דעם בונד מיט אַחד־העמ׳ען קעגן מאַמע־יידיש.

כל זמן אַ מענטש לעבט טוט אים ווי ווען מע האַלט אים אין איין שרייען אין פּנים אַריין—ווּעסט שטאַרבן ! אפילו די אַלטע מאַמע־יידיש וויל אויך ניט ליידן און זי קאָן צוריקשרייען: העלפט נאָר נישט קירצן מיינע יאָרן ! וועל איך זיך לעבן אין שעפערישקייט און דאָס וועט מיר ביישטיין אַז איך זאָל זוכה זיין צו אַריכת ימים !

זילבערצוויג האָט אַריינגענומען די פאָלגענדע שרייבער: אחד־העם (אין ליכט פון זיינע אַרטיקלען, בריוו און שמועסן), מ. ספּעקטאָר, מתתיהו מיזיש, נח פּרילוצקי, חיים נחמן ביאַליק און ש. ניגער. דאָס איז כדאי גלייך באַמערקן אַז סע וואָלט געווען פון גאָר גרויסן ווערט אַריינצונעמען חיים זשיטלאָווסקין, בער באָראָכאָוון, צי גאָר שלמה פּינקלשטיינען. נאָך אַ זאַך וואָס איז וויכטיק : ביי אַלע אַרטיקלען איז אָנגעגעבן דאָס יאָר אין וועלכן עס איז געשריבן געוואָרן; ביי ביאַליקן איז עס אויסגעלאָזט. דעם לייענער פעלט עס ביז גאָר, מחמת ער דאַרף זיך אָריענטירן לויט די יאָרן וואָס די אָפּאָנענטן צי דיספּוטאַנטן האָבן זיי גע־שריבן איינצייטיק, צי דער צייט־משך האָט אַ גרויסן אינטערוואַל; אַ געשיכט־לעכע הפסקה, און עס האַנדלט זיך מכוח פאַרשיידענע צייטן.

היינט נאָך אַ שאלה: אַלע שרייבערס רעדן פאַר זיך, זעלבסטשטענדיק; בלויז אחד־העם רעדט דורך זלמן זילבערצווייגס רעדאַקטירטן מאַנטאַזש. איז די קשיה: פאַרוואָס זאָל דאָס בוך טראָגן דעם טיטל: „אחד־העם און זיין באַציאונג צו יידיש" — וואָס איז דער מער מיט די אַנדערע מחברים?

דער עיקרשט טאַקע, חיים נחמן ביאַליק! וואָרעם נאָר לייענענדיק זיין אַרטיקל קאָן נאָר אַ פאַנאַטישער סברא חלילה האָבן אַ שאָטן פון אַזאַ איבער־מענטש־געפיל אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין, אַז דאָס פאַרטיליקט ווערן פון די מיליאָנען יידיש־רעדנדיקע, האָט פשוט „אָפגעגליקט" און געמאַכט אַ סוף צו דער שפּראַכן־פראַגע פּראָבלעם.

היינט פעלט דעם לייענער אָט דאָס וואָס ער האָט דערוואַרט די גאַנצע צייט פונעם זאַמלער, דעם מחבר׳ס אייגענער אויספיר: אַ סינטעז, אַן עפּילאָג, זיין אני מאמין צי אַ רעזומע? ווייל אָן אַזאַ נייטיקן אויספיר מצד דעם צוזאַמענקלייבער פון די אַרטיקלען בלייבט דער לייענער אָן אַן ענטפער. עס קען זיך אים ניט פאַטויפען אין קאָפּ, אַז דער מחבר זאָל ניט האָבן געשטעלט זיין טעזע אויף היסטאָרישע אויספירן און צו קיין סינטעז נישט קומען מיט די אַלע זיינע מיט־גייער וואָס ער האָט באַמיט צו ברענגען הינטער איין דאַך.

אויב סע איז טאַקע אַזוי, און סע איז דאָך טאַקע אַזוי!

בלייבט דאָס בוך ניט מער ווי אַ זאַמלונג פון אַ סעריע אַרטיקלען, געשריבן אויף דער טעמע „יידיש־העברעאיש" און דער לייענער דאַרף אַליין מאַכן פאַר זיך דעם אויספיר ווי אים לוינט זיך; דער מאי־קא־משמע־לן איז געבליבן ניט פאַר־ענטפערט, נאָר עס הענגט אויף מישקולת.

און מחמת דער אויספיר פונעם מחבר פעלט, האָט דאָס בוך ניט געקענט אַרויסרופן אָט־די קריטישע דעבאַטע וואָס אַזאַ ווערק איז געווינלעך מסוגל צו סטימולירן דעם קריטישן דראַנג מצד בײדע פּאַליוסן; עס פעלט די קריטיק פונעם מחבר גופא און במילא צום מחבר — אויפנעמענדיק זיין ווערק.

דאָס פאַרשטיי איך בלויז דערפאַר וואָס מיין ליבער פריינט זלמן האָט געטאָן די אַרבעט ווי אַ לעקסיקאָניסט, בלויז אַ זאַמלעריסט.

ווי עס זאָל ניט זיין, די אַרבעט פאַר דער ליטעראַטור האָט ער יאָ אָפּגעטאָן און דעם היסטאָריקער וועט זיין איינגעשפּאָרט אַן אַרבעט.

## חיים באַרקאַן: „מיין שטעטל אונגען"

(אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון אַ גרופּע פריינט, חברים און לערער)

די פּאָעמע, ווי דער דיכטער רופט אָן די שילדערונג פון זיין שטעטל אונגען, געשריבן אין פערזן, איז אַ בוך פון 180 זייטן, איינגעטיילט אין צוויי טיילן: די ערשטע טייל נעמט אַריין 13 מאָמענטן, די צווייטע — אויך 13 מיט אַ צוגאָב אַן עפּילאָג.

דאָס שטעטל אונגען, ווי דער דיכטער שילדערט עס אַזוי פּאַטעטיש, שטאַרק פאַרבענקט נאָך דעם, ווי נאָך קינדער־יאָרן, איז ממש אַ שיכור־געטראַנק און האַלט אים געשפּאַנט אין דער העכסטער נאָסטאַלגיע. אונגען איז דער פּראָטאָטיפּ פון אַלע שטעט און שטעלעך פון דער אַלטער היים; סיי דער קאָלאָריט, ווי דער

מחבר מאָלט עס מיט די כלערליי פאַרשוינען, און סיי מיט די השגות, פרנסות און בכלל דער גאַנצער געבוי־און־סטרוי פונעם שטעטל איז פול מיט דער באַ־קאַנטער פאַרפונדעוועטקייט פונעם אַלט־יידישן סדר־וועג, כללים און דעם פרומען שטייגער־לעבן וואָס זיינען אונדז גוט באַקאַנט פון אונדזער יוגנט אַן, און אויך פון דער ליטעראַטור וואָס די קלאַסיקער האָבן זיי אַזוי פעסט פאַראייביקט לעולם ועד — פּיראַמידן אין דער ליטעראַטור.

פונדעסטוועגן קאָן מען זיך ניט אַרויסדרייען פון דעם געפיל, אַז דאָס בוך האָט מאָמענטן אין זיך וואָס דערמאָנען אין די ווערק פון עפּאָפּייאישן כאַראַקטער; כאָטש עס שוויבלט אוןווימלט מיט אַ סך נאַאיווקייטן, איז עס פאָרט אַ גאַנצע זאַך און אַ המשך פון י. י. שוואַרצעס „קענטאָקי“ וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן אַמעריקאַנעם באָדן, אַזוי איז „מיין שטעטל אונגען“ אַ ווערק פונעם לעבן אויפן באָדן פונעם אַלטן יידיש־געבליטן אייראָפּע פון אַמאָל. עס שפּיגלט אָפּ די טעמפּאָ פון יידישער אייגנאַרטיקייט, קולטור און בכלל טאָג־טעגלעכער בויאונג און האָוועניש. מיט איין וואָרט, סע איז אָנגעפילט מיט בילדער און עפּיזאָדן, מיט צייט־גייסט פון דורות וואָס האָבן געלעבט אין גרויס אָנשטרענג אין פאַרשיידענע עפּאָכעס צווישן גויאישע פעלקער.

דער מחבר גיט אונדז דאָס יידישע לעבן פאַרקערפּערט דורך איין שטעטל; ווייל סוף כל סוף זיינען אַלע שטעטלעך געווען אין דער זעלבער פאַרב און קאָליר געמאָלן, סיי אין דער וואָר און סיי פון אונדזערע קלאַסיקערס. און כאָטש דאָס בוך איז בנשימה אחת געשילדערט לויט אַלטער נוסחדיקייט, איז עס אָבער געבליבן מיט אַ נאַאיווער, קינדערישער פאַרכאַפּטקייט; סע איז פאַרגאַפּעט־און־פאַרליאַפּעט מיט אַ סקאַרבאָון אויסגעשטעמפּלטן ריטם, וואָס ציט זיך גלאַט־און־זאַט, ווי אַ פאַרצוקערט קינדעריש מעשהלע, וואָס פאַרקלינגט מיט שטאַמפּאָווע גראַמען, ווי דער ניגון פון דער מאַמען ביים שלאָף־לייגן די קליינוואַרג.

בעתן לייענען פילט מען זיך טאַקע אַז מע איז געקומען צוריק צו דער מאַמען — אַ קינד, ווייל נאָר אַזוי איז דאָס קומען צוריק צו דער מאַמען; קיין אַנדער קומען איז אפילו פאַר דערוואַקסענע אַפּנים ניטאָ . . . וואָרעם אויב מיר האַלטן זיך אָן אין אונדזער דערוואַקסנקייט, וועלן מיר בשום אופן ניט הנאה האָבן פון אַזאַ פּאָעמע ווי באַרקאַנס. מיר דאַרפן זיך „פאַרקינדישן“ כדי אַזוי־אַרומער מיטגיין מיטן דיכטער אין זיין נאָסטאַלגיע צום שטעטל.

לייענענדיק די פּאָעמע טראַכט מען ביי זיך: סע איז דאַכט זיך אַלץ ריכטיק. אָט פונקט ווי עס איז געווען אין די שטעטלעך פון אַמאָל, און דאָך. . . מע קאָן צוזעצן אַ זיפצנדיקן „נאָר“... עפּעס פעלט דאָ אויס; און מיר אַלע וואָס קענען דאָס שטעטל פון געבורט־אָן, פונעם עַרשטן קוואַל, פעלט פאַר אונדז אויס דער— עפּעס . . . און אָט־דער־אָ „עפּעס“ איז דער צושמעלץ זוואָס זאָל אונדז אויך דערהייבן צום זעלבן עקסטאַז וואָס דער פּאָעט האָט געוויס געהאָט בעתן שרייבן און ניט נאָר זאָל אונדז בלויז צערירן די גרויסע נאָסטאַלגיע וואָס דאָס בוך צעווייעט איבער אונדז ווי אַ דורכפליענדיקע „גילדענע פּאָווע“ ווי אין חלום אַמאָל.

ס'איז אמת אַז דאָס בוך האָט אין זיך אַ גוטן נאַראַטיוו פאַר שולקינדער פון די העכערע קלאַסן; עס וועט זיי געבן אַ באַקאַנטשאַפט מיט נאָך אַ שטעטל פון

שמעון וואָזעק

# אַ ביימל אין זאַמדן

אַ ביימל איז טרויעריק געשטאַנען
אין בראַנדן פון זאַמדן צעגליטע,
ס'האָט ברוגז געגומען פאַרוויאַנען,
פון דאַרבן פאַרמשפּט צו שחיטה.

פאַרצערט שוין די וואָרצעלעך, די דאַרע;
פאַרטערט שוין ס'געבעט נאָך אַ ברונעם.
פאַרביטערט מיט טענות זיין מראה;
צעקנייטשט זיך מיט פאַלדן זיין פּנים.

ס'האָט גאָרניט געהאָלפן קיין וויינען!
עס האָבן אין טאָלן די טויען
געזאַפּטיקט, געזילבערט די פליינען,
צום שפּיגל אין הימל, דעם בלויען.

(אַ ביימל וואָס טוט זיך פאַרפלאַנצן
אין זאַמדן וואָס ברענען און בריען,
קען נעבעך ניט גרינען, ניט גלאַנצן,
ווען רויזן אין גאָרטן צעבליען).

איז ביימל אַנטשלאָפן, פאַרפייניקט
פון דורשטן, אַ לעמעלע געפאַלן.
עס חלומט איך שלוה, באַשייניקט
מיט גלויבן: ס'וועט בליען ביי קוואַלן.

---

יידישן עמאָל; פאַר זיי וועט דאָס בוך זיין ווי אַ זעלטענער מאָנומענט צו באַוואוג־
דערן און אפשר אויך אים צו געדענקען אויף לאַנגע יאָרן.

חיים בארקאַן האָט פּרובירט איבערשאַפן דאָס לעבן פון אַ יידיש שטעטל
פון יענער זייט ים; אָבער איבערשאַפן דאָס לעבן איז ווי קאָכן אַ געקעכץ: עס
דאַרף האָבן „צושמעלץ". סע איז אַוודאי אַ צו פּראָסטער משל, אָבער עס גיט
צו פאַרשטיין דעם געדאַנק וואָס עס מיינט זיך דאָ מיטן וואָרט — צושמעלץ.

קונסט האָט ליב צושמעלץ; איר גאַנצער ווערט און באַטרעף האַלט זיך נאָר
אויפן איבערשמעלצן דאָס ד אָ א י ק ע אויף אַ קינסטלערישן אופן; און דער
בעסטער צושמעלץ פאַר קונסט — איז קונסט . . .

נח גאָלדבערג

# חיים פעט (לזכרון)

חיים פעט ע״ה האָט אָנגעהויבן שרייבן זייער יונג. צו 16 יאָר האָט ער שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט עטלעכע לידער אין ווילנער צייטונג. גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געקומען קיין אַמעריקע.

ווען ער האָט מיט יאָרן צוריק פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע זאַמלונג דער־ציילונגען: „צווישן פייערן״, האָט אים די קריטיק אויפגענומען מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפט. אַ פּאָר קריטיקער האָבן אים אפילו אָנגעטאָן אַ זילבערנע קרוין אויפן קאָפּ און באַטיטלט אים: „מייסטער פון דער קורצער דערציילונג״...

אפשר זיינען ווי געווען גערעכט. מחמת, חיים פעטס דערציילונגען אין „צווישן פייערן״ זיינען טאַקע געווען נייע, רייפע, גאַנצע און אויסגעזונגענע ביז צום לעצטן אַקאָרד. די יידן, וואָס חיים פעט האָט דאָרט אַרויסגעבראַכט, זיינען געווען דורכאויס יום־טובדיקע און ליבע יידן.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, נאָך דער דערשיינונג פון „צווישן פייערן״ איז חיים פעט אַרויסגעקומען מיט זיין צווייט בוך: „אַ הויז אין פעלד,״ וואָס איז אויפ־גענומען געוואָרן מיט דער זעלבער ליבע, און דערנאָך — מיט אַ דריט ווערק: „אָפּגעזונגענע טעג.״ צווישן די דערציילונגען אין אַלע דריי בענד געפינען זיך אַזעלכע פיינע און קורצע מעשהלעך, ווי: „אויסגעגעבן די מוזיקע״, „דער ווייַן יוערט״, „דער סאַדאָווניק״, פרילינג״, „דער גוי מיט דער טאָרבע״, „זיבן לעבלעך ברויט״, „די פריילעכע לוויה״, „די ראַבע הון״, און פילע אַנדערע, וואָס האָבן מיט זייער קליין־שטעטלדיקן אַראָמאַט אַריינגעשניטן זיך דעם לייענער אין זכרון און פאַרבליבן דאָרט ביז אויף היינטיקן טאָג.

דער עיקר האָט אונדז חיים פעט געגעבן מיושבדיקע יידן, וועלכע גייען שבת שפּאַצירן מיט דראַבנע, געמאָסטענע טריט, איינגעזעסענע יידן אויף דער ליטווישער ערד. ביי חיים פעטן זיינען ניטאָ קיין „לופט־מענטשן״, קיין „פלעקל־דרייערס״. אַלע זיינע פאַרשוינען זיינען מיט עפּעס פאַרנומען. און כאָטש עס איז אָפט ניטאָ וואָס צו נעמען אין מויל אַריין — שעמען זיי זיך דאָס צו דערציילן עמיצן. זיי ריידן בכלל ניט פון זייערע פינצטערע דאַליעס. אפילו ביי דעם יידן, וואָס „הויבט אויף פון דער ערד אַ שטריקל און לייגט דאָס אַריין צו זיך אין קעשענע״— אפילו ביי דעם אָרימאַן זעט מען די „איינגעוואָרצלטקייט״, די באַלע־באַטישקייט: „אַ שטריקל וועט צונוץ קומען״...

פון דעם צירלעכן אופן ווי חיים פעט האָט געמאָלן דאָס „איינגעפונדעוועטע לעבן פון די יידן אין די ליטווישע קליין־שטעטלעך,״ וואָלט מען געקענט מיינען, אַז ווייל דער לירישער דערציילער האָט געבראַכט מיט זיך פון דער היים אַ היבשן טשעמאָדאַן מיט שטעלדיקע פּייאַזשן, וועט אים זיין שווער אַריבער־צונעמען אין זיך דעם רויש און ראַש פונם אַמעריקאַנעם לעבן און דעם לייענער וועט פאַלן שווער נאָכצוגיין דעם מחברס גיכע, אימפּעדיקע שפּאַנען אויף די האַרטע, אַספאַלטענע גאַסן, פּאַרקן, אין די פאַרשוויצטע „שעפּער״ פון פּרויען האַנט־בייטלען און אויפכאַפּן דאָס, וואָס דער דערציילער האָט געוואָלט, אַז דער לייענער זאָל זען און דערהערן...

די דאָזיקע דערציילונגען האָט חיים פּעט ע״ה געמאָלן מיט אַ פיינעם פּענזל. די פאַרבן האָט ער גוט צוגעפּאַסט סיי צום שטעטלדיקן לעבן „אין דער אַלטער היים" און סיי צו דעם אַמעריקאַנעם גרויס־שטאָטישן לעבן. די בילדער זיינען ביי אים אַרויסגעקומען איידעלע, כמעט ציטערדיקע, און דער לייענער האָט פון זיי הנאה געהאַט.

אין די מערסטע דערציילונגען איז דאָ אַ דינער הומאָר, וואָס איז דורכגע־שפּרענקלט מיט אַ פּאָר שפּריצן סאַטירע. דער דרויסנדיקער רעאַליזם האָט זיי געגעבן בויגעוודיקייט. דער אינעווייניקסטער רעאַליזם — וואַרעמקייט. דעם הומאָר האָט חיים פּעט אפילו אַריינגעטראָגן אין די אַמעריקאַנער דערציילונגען. איבערהויפּט אין אַזעלכע, וואו דער מחבר ווייזט ווי עס קומט אַ „גרינער" קיין ניו־יאָרק. דער געקומענער איז מסתמא געווען חיים פּעט אַליין.

דאָ האָט חיים פּעט געגעבן אַ ברייט בילד פון די אימיגראַנטן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַז מען לייענט די אַמעריקאַנער דערציילונגען זיינע דערזעט מען פאַר זיך אַ שטיק ניו־יאָרק. דאָך האָט פּעט געשריבן די דערציילונ־גען איינגעהאַלטן. נאָר מיט ליבע צו יעדן „העלד." פונדעסטוועגן זיינען די מעשיות פאָרט ניט קיין הימל־שרייענדיקע. די „העלדן" מאַכן ניט קיין רעוואָלו־ציעס, קערן נישט קיין וועלטן און טוען נישט אויף ווער ווייסט וואָס פאַראַ מעשים טובים. דאָס זיינען אַלץ שטילע יידן מיט יידענעס פון אַ גאַנץ יאָר. נאָר עס פילט זיך אַ יום־טובדיקייט אַרום זיי.

די דערציילונגען אין די דריי בענד האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז חיים פּעט האָט זיך דערהויבן צו קינסטלערישער רייפקייט, און — דערמיט דערגרייכט דעם ליטעראַרישן פּאַרנאַס... און דער אמת איז, אַז זיינע דערציילונגען קאָן מען לייענען עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד און האָבן די זעלביקע הנאה ווי ביים לייענען צום ערשטן מאָל. אַ סך פון זיי קען מען אפילו איבערדערציילן אויף אויסוויניק און זיי וועלן אַלץ ניט פאַרלירן זייער פּרימיטיווע, אונמיטלבאַרע שיינקייט.

חיים פּעט ע״ה איז געווען אַ שרייבער פון קורצע דערציילונגען. גלייך פון אָנהויב אָן האָט ער זיך פאַרנומען מיט שרייבן אַלץ קורצערע און קורצערע זאַכן און דער לייענער איז דאַמאָלסט געווען אונטערן איינדרוק, אַז דער לירישער דערציילער פאַרמאָגט ניט געניג „אָטעם" צו שרייבן לענגערע דערציילונגען, נאָוועלן אָדער ראָמאַנען.

ס'איז אָבער אָן אַלטער כלל, אַז אמתע קינסטלער בלייבן קיינמאָל ניט סטאַ־ביל. זיי האַלטן כסדר אין איין זוכן נייע פאָרמעס, נייע זשאַנערן. אויך חיים פּעט האָט זיך ניט באַנוגנט מיט זיין אַלטן וועג. אפילו די קורצע דערציילונג איז אים אויסגעקומען צו לאַנג, און ער האָט געוואָלט באַווייזן, אַז ער האָט געקאָנט שרייבן נאָך קורצער פון קורץ...

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען — מיניאַטורן! אַ היפּש ביסל פון זיי האָט דער מחבר אַריינגענומען אין זיין פערטן באַנד: „פון האַדסאָן ביזן ירדן." צו אָט־דעם סאָרט שרייבן האָט זיך חיים פּעט צוגעכאַפּט מיט אימפּעט. די נייע „דערפינדונג" האָט אפילו געקאָנט זיין אַ מעשהלע פון עטלעכע שורות בלויז און ווען דער דערציילער וואָלט ניט געהאַט קיין „גאָט אין האַרצן", וואָלט ער מסתמא פון די קאַרגע שורות אויך אַראָפּגענומען אַ פּאָר...

מעגלעך, אַז חיים פּעט האָט זיך צופיל געלאָזט פאַרפירן פון דער נייער

פאַרמע און ער האָט ניט געוואוסט, אַז אַ מיניאַטור דאַרף זיין זייער שאַרף — נאָך שאַרפער און שפּיציקער פון אַ שפּיץ פון אַ נאָדל. דער מחבר דאַרף זיין אַ תלמיד־חכם, אָדער גלאַט אַ חכם, און דערצו אַזאַ טאַלאַנט, וואָס זאָל אין איניקע ווערטער קאָנען געבן אַ גאַנץ בילד, אַן איינדרוק. ער דאַרף קאָנען געבן אַ משל מיט אַ נמשל און אַזוי אַריינזאָגן, אַז „ס׳זאָל פאַרגיין אין דער זיבעטער ריפּ״; מאָלן אַזאַ קאַריקאַטור, וואָס אין קיין אַנדער פאָרם וואָלט זיך דאָס ניט געלאָזט מאָלן.

צו חיים פּעטן האָט זיך איינגעגעבן עפּעס צו זאָגן „וואָגיקעס״, אָדער מאָלן אַ ממשותדיקע קאַריקאַטור פון אַ טיפּ אין זיינע מיניאַטורן — דאָס וועט זיך דער לייענער ניט אונטערנעמען צו אורטיילן. איין זאַך איז אָבער קלאָר, אַז דער ליריקער האָט זיך צופיל געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענדקע פון דער מיניאַטור און דאָס האָט אַביסל געשטערט זיין דערציילערישן, נאַטירלעכן גאַנג.

מיט אַ צייט צוריק האָט חיים פּעט פאַרבראַכט אַרום אַ יאָר מיט אַ האַלב אין ישראל. ער איז דאָרט געווען אין אַ סך קיבוצים; אפילו געשלאָפן אַ פּאָר נעכט אונטערן פרייען הימל אין נגב. ער האָט אפילו ניט פאַרפעלט צו באַמערקן אין תל־אביב ווי: „אין אַ חמסין האָט זיך אַ האָן אונטערגעשטעלט ביי אַן אייזל אונטערן בויך און באַהאַלטן זיך פון דער חמימה״...

אָבער סוף־כל־סוף האָט חיים פּעטס זיין אין ישראל פּאָרט געבראַכט פּרוכט און, אין 1957 האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין פינפטן בוך, וואָס רופט זיך: „אין לאַנד פון די אָבות,״ אַרויסגעגעבן פון די ברידער שולזינגער, אין ניו־יאָרק. דאָס איז אַ לענגערע דערציילונג, אָדער „נאָוועלע״. און צום ערשטן מאָל האָט ער באַוויזן, אַז ער האָט יאָ געהאַט „אָטעם״ פאַר לענגערע זאַכן. פונדעסטוועגן איז גרינג צו באַמערקן, אַז אפילו „אין לאַנד פון די אָבות״ האָט חיים פּעט אָנגעהויבן מיניאַטור־מעסיק. איבערהויפּט די ערשטע עטלעכע זייטלעך. אמת, שפּעטער, ווען די דערציילונג צעוויקלט זיך אויף דער ישראלדיקער קאַנווע, איז זי פּאָרט גובר די מיניאַטור און דער דערציילער גייט צו איר אַרויף אויף זיין אַמאָליקן, דערציילערישן שליאַך.

אויך דאָ, אין דער נאָוועלע, קומען ניט פאָר קיין גוואַלדיקע זאַכן. ניטאָ דאָ קיין שום דראַמאַטישקייט, קיין קאַמפן אָדער קאָנפליקטן. כאָטש קעמפן איז יאָ פאַראַן מיט ווענמען. אַ שטייגער: מיט די הענדלער פונם שוואַרצן מאַרק, וואָס דער דערציילער גייט דאָ פאַרביי אַזוי גרינג, ווי אין ישראל וואָלט דאָס געווען אַ נאַטירלעכע און בכבודיקע פרנסה. די דערציילונג איז חיים פּעטס אַ מאָלעריי פון „שטיל־לעבן.״ ער באַוויזט אונדז ווי עס בויען זיך אויס דערפער. פון זיי ווערן באַלד שטעטלעך און פון די שטעטלעך — שטעט!

די דערציילונג גופא איז ניט מי יודע וואָסערע. ס׳איז אַ פּשוטע מעשה, ווי אַ ייד, אַ פּליט, וואָס האָט זיך געראַטעוועט, ווי געוויינטלעך: על־פּי־נס.. פון אָנהויב אָן וואַקלט ער ער זיך אַביסל. אָבער דערנאָך פאַרליבט ער זיך אין אַ שיין ווייבל, האָט מיט איר חתונה און וואָרצלט זיך ווי עס איז איין אין ישראלדיקן באָדן.

דער „העלד״ פון דער דערציילונג, וואָס האָט זיך דאָ אַ נאָמען געגעבן „אַברהם״, איז עפּעס אַ געוועזענער פּאָעט, אַ שטיקל פילאָזאָף, און ער זאָגט אויף זיך אַליין: „אויף מיינע וואָגלענישן האָב איך פאַרגעסן מיין נאָמען. רופט מיך „אַברהם״, ווי דעם ערשטן יידן, וואָס גאָט האָט דערקאָנט״ (זייט 11). דאָס הייסט,

אַז דער ייִד האָט געבעך פֿאַרלוירן זיין זכרון ... נאָר מסתמא זיינען קיין ישראל געקומען אַ סך אַזעלכענע היימלאָזע און נאָמענלאָזע מענטשן. און, ס׳קאָן גראַדע זיין, אַז חיים פּעטס הויפּט־מאָטיוו און כוונה איז געווען צו באַווייזן, אַז ווען עס קומט אפילו אַ נאָמענלאָזער ייִד קיין ישראל — באַקומט ער אי אַ נאָמען אי אַ באָדן אונטער די פֿיס. איז אויב דאָס איז אַזוי, איז דאָס זייער אַ גוטער אויפֿטו.

מיר האָבן פֿריער געזאָגט, אַז אין דער נאָוועלע פֿעלט דראַמאַטישקייט. און אויב דער מחבר האָט שוין יאָ אַריינגעבראַכט אַ דראַמאַטישן מאָמענט — „מען האָט אַריינגעפֿירט אַ מיליטערישן טראָק (?) קיין קרית „א״ מיט אַ צוויי הרוגים און עס ווערט אַ יללה״ (זייטן 28-29) — האָט דאָס גאָרניט צו טאָן מיט דער דערציילונג גופא.

ניט קוקנדיק אויף די קליינע פֿעלערן, האָט זיך חיים פּעטן ניט נאָר געלוינט די נסיעה אין „לאַנד פֿון די אָבות״, נאָר דעם לייענער אויך.

חיים פּעט ע״ה האָט קיינמאָל ניט חתונה געהאַט. ער האָט מסתמא געהאַלטן אַז דאָס פֿאַרהייראַט לעבן וועט אים שטערן אין זיין שרייבערישער קאַריערע און עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס חיים פּעט איז אַוועקגעריסן געוואָרן פֿון אונדז אַזוי יונג און אומדערוואַרטעט. כבוד זיין אָנדענק.

ברכה קודלי

## שאָטן

ס׳איז היים.
ס׳שלאָפֿן די שטיבלעך,
אין גליאונג פֿון שטראַלן דרימלען די בלומען—
זיי האָבן די קעפּלעך אַרונטערגעבויגן אין פֿיבער,
אין דער שטילקייט האָט אַריינגעזשומט
די זום־זום בינען־שפּראַך;
דער ווינט האָט זיך פֿאַרטשעפּעט מיט אַ ליליע ביים טייך,
האָט זיך דאָרט פֿאַרזאַמט,
געשטיפֿט און געלאַכט.
די יולי זון האָט דערוויילֿ געקראָגן אַ גרעסערע שליטה
אויף דעם וועלטל פֿון זומער,
וואָס בלאָנקעט אַרום פֿאַרשעמט און צעגליט.

דער בוים האָט אויסגעטאָן זיין מאַנטל,
אַרומגעצערטלט עס מיט ווייכקייט פֿון זיינע בלעטער
און אויסגעשפּרייט אויף דער לאָנקע
אַרום און אַרום אין שטח פֿון זיין קרוין.
אונטער קילן צודעק האָט זון אויפֿגעהערט צו בראָטן,
פֿון די צווייגן האָט אַ גלעט אַראָפּגעקלעטערט—
ס׳איז היימלעך, ס׳איז קיל אונטערן בוים—
אַ דאַנק די געטער פֿאַר דעם שאָטן.

נתן פּאָרעמבערג

# זייאָן (ציון) נעשאָנאַל פּאַרק

## (מיניאַטורן)

די שטראַלן פון דער פרימאָרגן אויפגייענדער זון הייבן אָן פאַלן פּאַמעלעכ־וויז אויף די ריזיק־הויכע און שפּיציקע פעלזן פון זייאָן נעשאָנאַל פּאַרק. זיי נידערן אַראָפּ אין די טיפע טאָלן פון די בערג און טרייבן אַרויס די נאַכטיקע פינצטערניש.

אויף דער האַלב־גלעזערנער טיר פון אונדזער שטיבל, פאָרמירט זיך אַ גאָלדן־רויטער פּאַס ליכט. די זון־שטראַלן פינקלען, בלענדן און באַוועגן זיך לאַנגזאַם אויף דער גלעזערנער שויב. זיי דרינגען אַריין אין הויז, צעשפּרייטן זיך אין אַלע ווינקעלעך; די טונקלקייט פון צימער צעליכטיקט זיך ווי אַ ריזיקער פּראָזשעקטאָר.

שנעל און אימפּעטיק ברויזט דער שטורמישער „וואוירדזשין ריווער", צופוסנס פון די בערג. ער איז כמעט אינגאַנצן פאַרשטעלט פון פאַרשידענע ווילדע געוויקסן, גראָזן, בלומען און ביימער. ער פליסט און רוישט און אַ הילכיקער ווידער'קול צעטראָגט זיך אויף מיילן ווייט.

ניט ווייט פון דעם שטורמישן טייך, אַרום די דאַטשע־שטיבלעך, שלענגלט זיך אַ קליין שמאָל טייכל, ווי אַ ריטשקעלע די ברייט. אירע קליינע און לויפנדיקע כוואַליעלעך פאָרמירן אַ קלאָר ווייסן שוים ווי שניי און צעגייען זיך רואיק אין דעם בלוילעך לויפנדיקן וואַסער, ווי עס וואָלט ניט וועלן שטערן די רו פון די געסט, כדי מען זאָל קענען אַרומנעמען און באַטראַכטן די נאַטור־וואונדער וואָס ליגן דאָ רחבותדיק צעשפּרייט אויף מיילן ווייט, וואָס איז אוממעגלעך אַרומצונעמען מיט אַ מענטשלעך אויג.

עס שטייען צוויי רייען ביימער לעבן דער „קאָסינע". זייערע געדיכטע צווייגן בייגן זיך אַהין און צוריק אונטער דעם קילן און פרישן פרימאָרגןווינטל. זיי קומען זיך צוזאַמען אַזוי נאָענט ביי יעדער בויג, אַז זיי קייטלען זיך איין איינס אין אַנדערן אַזוי ווי צוויי שערענגעס יונגע, טאַנצנדיקע פּאָרלעך. זיי פאָרמירן אַ שאָטן אויף דעם גרינעם גראָז ווען זיי פאָרן זיך צוזאַמען און אַ גאָלדן־רויטער פּאַס ליכט גיט אַ בליאַסק אויף דער גראָז יעדעס מאָל ווען די צווייגן טיילן זיך פונאַנדער.

אָט שפּאַצירט געמיטלעך אַ יונגע מוטער. זי האַלט דאָס צאַרט הענטל פון איר קינד. די מוטער קוקט מיט באַוואונדערונג אויף דער אַרומיקער קייט בערג, טאָלן און אויף דער שיינקייט פון דעם אַרום. זי בלייבט שטיין פאַרגאַפט און פילט גאָר ניט, אַז דאָס הענטל פון איר קינד האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון איר האַנט.

עס שפּאַצירט לאַנגזאַם אַ מיטל־יאָריק פּאָר־פאָלק. דער מאַן זעט אויס אַ קראַנקער. ער האַלט זיין קאָפּ שטאַרק אַראָפּגעבויגן צו דער ערד און זיין גאָמבע איז כמעט אינגאַנצן אָנגעשפּאַרט אויף זיין ברוסטקאַסטן. ער רייסט די אויגן צום הימל. ער וויל כאַפּן אַ בליק אויף די קופּער־רויטע און שפּיציקע פעלזן, וואָס שפּאַרן זיך אַרויף צו די וואָלקנס. ער מאַטערט זיך און קען ניט. ציט ער זיך אויס אויף דעם ווייכן גרינעם גראָז, קוקט אַרויף צום הימל און זעטיקט זיך מיט די נאַטור־שיינקייטן ליגנדיק אויפן גראָז.

עס פאָרן פאַרביי צוויי טוריסטן־פאַרלעך מיט אַן אָפענעם אויטאָמאָביל. זיי שטעלן זיך אָפּ און טרינקען זיך אָן מיט פריש, קאַלט וואַסער פון אַ לויפנדיקן קוואַל, צו שטילן דעם דורשט.

— אַ גאָט! — שרייט אויס אַ יונגע מיידל מיט אַ צופלאָשעטן קאָפּ בלאָנדע האָר. — וואָס פאַר אַ וואונדער! — רופט אויס אַ יונגער בחור מיט אַ צעכראַס־טעט העמד, האַלב אַרויסגעשטעקט איבער זיינע הויזן און האַלב אינעווייניק.

— איך האָב נאָך קיינמאָל אַזעלכעס ניט געזען — זאָגט אַן אַנדערער, אָנשטעלנ־דיק זיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. מען גאַפט, מען נעמט אַראָפּ עטלעכע בילדער. מען וויל אַרומנעמען אַלץ וואָס די אויגן קענען זען. אָנגעזעטיקט זיך אַביסל, כאַפּן זיי זיך אַריין אין דעם „אויטאָ" און פאָרן ווייטער.

זעלטענע שיינע נאַטור־דערשיינונגען זעט מען אינעם ריזיקן שטח פון „זייאָן נעשאַנאַל פּאַרק"! אויף איין זייט פון די ריזן־פעלזן, צום דרום, בלענדט אַ גליענדע זון. זי היצט און ברענט די נאַטור־געשניצטע פיגורן און פאַלדן; די פעלזן זיינען טרוקן ווי ביין, אָן אַ ביימל, אָן אַ גרעזל און אַ זעמדל. עס זעט אויס ווי די בערג וואָלטן בעטן אַביסל וואַסער אָפּצוקילן זיך פון דער ברענענדיקער היץ. אָבער, פון דער צווייטער זייט, צו צפון, ליגט זיך אַ קילער שאָטן אויף אַ פייכטן און גריבעם מאָך און אַרויסגעוואַקסענע קליינינקע ביימעלעך נערן זיך פון דער פייכטקייט וואָס זיי האָבן אין זיך אַריינגעזאַפּט פון דער ערד און זאַמדן, וואָס זיינען פאַרטראָגן געוואָרן און אָפּגעזעצט זיך דאָרטן אין די שפּאַלטן פון די נאַטור־געווירעטע פעלזן.

אויף איינעם פון די ריזן־הויכע בערג, אויפן העכסטן שפּיץ, זעט זיך אַ קליין און גרין באַבלעטערט ביימל. עס באַוועגט זיך לאַנגזאַם אַהין און צוריק פון אַ לייכט ווינטל; די בלעטלעך פלאַטערן און קלאַמערן זיך אין די צווייגן; זיי ווילן ניט אָפּרייסן זיך און אַראָפּפאַלן אין טיפן טאָל, אין די אויסגעטריקנטע, געלע, מדבּרדיקע, טרוקענע זאַמדן.

אָט באַוועגט זיך פּאַמעלעך אַ שניי־ווייסער וואָלקן. אין הינטערגרונט — אַ בלויער הימל. עס דאַכט זיך, אַז דער וואָלקן איז אָנגעשפּאַרט אויף די קופּער־רויטע און שפּיציקע פעלזן און, מיט זיין כסדרדיקן גאַנג פאַרמירט ער נאָכאַנאַנד וואונדערלעכע נאַטור־בילדער.

דער וועג שלענגלט זיך פּאַמעלעך אויף די שמאָלע און שטאַרק געדרייטע וועגן פון דעם חנעוודיקן באַרג כרמל, וואָס איז קנאַפּע 8000 פיס הויך. מיר פאָרן פאָרזיכטיק, פּאַמעלעך, אין אַ טיפן טאָל אַרום 6000 פיס פון דעם אויבער־פלאַך און ער שניידט זיך אַריין אין אַ קייט ברייטע און גרויסע טונעלן, דורכ־געהאַקט מיט מענטשלעכע הענט, וואָס האָט געדויערט קנאַפּע פינף יאָר אויס־צוהאַקן און אויספאָרמירן אַ שאָסיי, וואָס פאַרנעמט אַ שטח אַרום 6000 פיס לאַנג.

מיר פאָרן פון איין טונעל אין דעם אַנדערן; ביי יעדן אַריינפאָר ווערן מיר אַרומגענומען מיט אַ טונקלען שאָטן און ביי יעדן אַרויספאָר פאַלט אַ פאַס ברענענ־דיק ליכט פון דער זון אויף אונדז, וואָס פאַרבלענדט די אויגן, אַז ס'איז שווער צו זען דעם וועג. ליכט און שאָטן באַגלייטן אונדז ביז מיר קומען אַרויס אויפן פרייען וועג.

אָט שטעלן מיר זיך אָפּ, קריכן אַרויף אויף אַ הויכן פעלז. קוקסט אַראָפּ אין אַ טיפן טאָל, הייבט דיר אָן שווינדלען פאַר די אויגן. קלאַמערסט זיך אָן

דעם אייזערנעם באַריער, וואָס איז איינגעמויערט ביים ראַנד און דערזעסט אַן אילוזיע פון קאָלירן און פאַרבן, וואָס די כעמישע שטאָפן פון דער נאַטור האָבן אויסגעמאַלעוועט און באַחנ'עט די גאַלעריי פיגורן און זעלטענע „געביידעס" וואָס דער „וואוירדזשין ריווער" האָט קינסטלעריש אויסגעמייסנסטרעוועט אין משך פון הונדערטער און טויזנטער יאָרן, אויף אָט־דעם ריזיקן שטח פון קנאַפּע הונדערט טויזנט אַקער לאַנד פון „זייאָן נעשאַנאַל פּאַרק", אין דעם יוטאַ שטאַט.

אַן אַרבעטזאַמער איז אָט־דער טייך. ווען ער האָט אָנגעהויבן פליסן אויף דער גלייכער ערד, איז דאָרט ניט געווען קיין גריבל, קיין טאָל. האָט ער אַליין, אָן מענטשלעכע כוחות, אָן מאַשינען, ניט האָבנדיק פאַר זיך קיין אַרכיטעקטאָרישע צייכענונגען — אויפגעבויט אַ ריזיקע און מעכטיקע אימפּעריע פון זיבן און אַכט טויזנט פוסיקע בערג, טאָלן און „קעניאָנס", וואָס קענען ניט געמאַכט ווערן פון מענטשלעכע הענט.

דער „וואוירדזשין ריווער" שטעלט זיך ניט אָפּ אויף קיין מינוט; ער שלעפּט אַוועק דריי מיליאָן טאָן זאַמד און שטיינער יעדן יאָר. דאָס מאַכט אויס אַרום הונדערט און אַכציק וואַגאָנען יעדן טאָג. אין אייניקע ערטער צעשטערט ער און שאַפט איבער דאָס אויסזען פון די פריער אויפגעבויטע געביידעס און פיגורן; אין אַנדערע ערטער פאַרמירט ער אויס, מיט זעלטענער סקולפּטאָרישער טעכניק, נייע און וואונדערלעכע לאַנדשאַפטן, וואָס מענטשלעכע הענט קענען דאָס ניט באַשאַפן.

און אָט טורעמט זיך אַרויס פון ווייטן אַ געשניצטע פיגור. אין הינטערגרונט זעט זיך אַ קייט פאַרשידנפאַרמיקע בערג און פעלזן, איינע אַנדערש פון דער אַנדערער. קינסטלער האָבן די אַרויסגעטורעמטע פיגור אַ נאָמען געגעבן „דער וועכטער", אַזוי ווי דער וואוירדזשין ריווער" וואָלט אים אַוועקגעשטעלט אָפּצו־היטן די פאַרשידנאַרטיקע קונסט־בילדער, וואָס געפינען זיך אונטער אים.

די וואונדער פון „זייאָן נעשאַנאַל פּאַרק" דערקוויקן און דערהויבן דעם מענטשלעכן גייסט, און יעדער באַזוכער ווערט דאָרט אַנטציקט אויף זיין אופן. די פאַרשידנאַרטיקע, ריזיק־הויכע בערג און טאָלן; די לאַנגע, קורצע, גלייכע, שפּיציקע, גלאַטע, פּאָלירטע און מיט זעלטענער פּראַפּאָרציע אויסגעשניצטע פיגורן, געביידעס, קירכעס און טורעמס, רייצן די פאַנטאַזיע פון סקולפּטאָרן און שניצער איבערן לאַנד און זיי שפּיגלען אָפּ די איינדרוקן אין זייערע קינסטלערישע שאַפונגען.

די פּאַנאָראַמע פון זון, שאָטן,ביימער און בלומען, דאָס שטראָמען פון ברויזענדן „וואוירדזשין ריווער" און דאָס שטילע ריטשקעלע וואָס פליסט לעבן דער „קאָסינע"; דאָס קיל ווינטל, די הויכע ביימער און די לאַשטשענדע גרינע גראָזן, וועקן די דינסטע עמאָציעס פון פּאָעטן, דיכטער און שרייבער צו באַזינגען און מאָלן פאַר אונדז די וואונדער פון דער נאַטור.

דו באַפרייסט זיך דאָרטן פון שטאָטישן גערויש און געטומל. אַ געמיטלעכע רואיקייט הויבט אָן פאַמעלעכוויז אַריינדרינגען אין די געמיטער. דאָס האַרץ קוועלט פון פרייד און זאָרגלאָזיקייט. מען ווערט היימיש איינער מיטן אַנדערן, מען טיילט זיך מיט איינדרוקן, און עס ווילט דאָרט זיין און מיט דער שיינער נאַטור זיך באַהעפטן.

געבענטשט זאָל זיין דער בורא וואָס האָט דאָס באַשאַפן!

גאָלדע שלאָסבערג אַרפין

# אַ שטראַל ליכט

(דערציילונג)

מיט אַ שווערן געמיט גייט איצט דער „גביר" אַבראַמאָוויטש צו זיך אַהיים. זיינע אַלע געשעפטן האָט ער ליקווידירט, פון וועלכע ער איז אַרויס ממש מיט גאָרניט... אַן אויסגעגלייכטער, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מע זאָל ניט באַמערקן זיין געבראָכנקייט, איז ער אַריינגעקומען צו זיך אין שטוב.

זיין היים, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין פיר־שטאָקיקער געביידע, וואו ער און די פאַמיליע פאַרנעמען די שענסטע און גרעסטע דירה, איז איצט געווען אין גרויס אומאָרדענונג; זיין פרוי און די צוויי דערוואַקסענע טעכטער זיינען אַרומגעגאַנגען פון איין צימער אין צווייטן, ווי פאַרלאָרענע שעפסן. זיי האָבן זיך שוין געפּאַקט אין וועג אַריין צו פאַרלאָזן פּוילן און פאָרן קיין אַמעריקע, ראַטעווען זיך איידער עס ווערט צו שפּעט.

אַבראַמאָוויטש איז איבער די מיטעלע יאָרן, פעסט געבויט, אַ שטאָלצער אויסזען, מיט מילדן בליק אין זיינע אויגן, איז זייער אַ פריינדלעכער מענטש. הגם צוליב זיינע לעדער געשעפטן איז ער ס׳רוב געווען אַוועק פון דער היים, האָט ער אָבער קיין מאָל ניט פאַרפעלט פונדעסטוועגן צו כאַפּן אַ שמועס מיט זיינע שכנים, וועלכע האָבן געוואוינט ביי אים אין הויף. באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט צו שמועסן מיט חיים דעם שוסטער. אויך איצט פאַרבייגייענדיק האָט אים אַ ציי געטאָן נאָך מער זיך אָפּצושטעלן. האָט ער זיך אָבער גלייך געכאַפּט אַז חיים איז דאָך שוין זייט אַ לענגערע צייט גאָר אַוועקגעפאָרן צו זיינע קינדער קיין אַמעריקע! ער דערמאָנט זיך אַז ער אַליין האָט אים געראָטן צו פאָרן. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אין זיינע פאַרזאָרגטע אויגן: „אַ דאַנק גאָט, אַרויס־געראַטעוועט אַ יידן אין צייט."

שוין אַ לענגערע צייט, אַז אַבראַמאָוויטש פילט ווי אַלץ אַרום האַלט אין פאַנאַנדערפאַלן, און דאָס ביז איצט „איינגעפונדעוועט" לעבן האַלט אין איין זינקען. דוכט זיך אַלץ גייט ווי געווען, און דאָך יעדן טאָג פילט ער, אַז אַלץ גייט צו גרונט. עס האָט טאַקע ניט גענומען לאַנג און פּוילן איז אַריין אין קריג מיט דייטשלאַנד.

אַבראַמאָוויטשעס זון האָט זיך גלייך אַנגעשלאָסן אַן דער אַרמיי צו פאַר־טיידיקן פּוילן און, צו די עלטערנס גרויסן צער און אומגליק, איז ער דאָרט אומ־געקומען. די מאַמע איז איבער נאַכט גרוי געוואָרן און די צוויי טעכטער אין אוני־ווערסיטעט האָבן וואָס אַמאָל שטאַרקער דערפילט דעם עול פון יידישקייט. אַבראַמאָוויטש האָט ענדלעך פאַרנומען זיין משפחה און זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע.

נאָך אַ לענגערער וואָגלעניש זייבען זיי ענדלעך אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דאָ, האָבן זיי געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועלן זיי געפינען אַ וועג צו לעגאַליזירן זייער בלייבן דאָ. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט; דאָס פרייע לעבן האָט געווירקט אויף זיי צום גוטן, און דאָס פאַרגאַנגענע לעבן אויף יענער זייט ים איז פון זייער זכרון כמעט ווי פאַרשוואונדן.

נאָך יאָרן שוין זיין דאָ, האָט מען פּלוצלונג געלאָזט וויסן, אַז אַלע ניט־בירגער מוזן זיך רעגיסטרירן. האָט זייער איינגעאָרדנט לעבן זיך ווידער אַ טרייסל געטאָן. ווען ס'איז געקומען דער טאָג אַז די אַבראַמאָוויטשעס האָבן געדאַרפט גיין זיך רעגיסטרירן, איז זיי ממש באַפאַלן אַ גרויזאַמער פּחד. אַ פאַרצווייפלטער האָט ער געוואָלט לויפן וואו די אויגן וועלן אים טראָגן. געגלויבט האָט ער אַז דאָ איז ער שוין זיכער; איינגעאָרדנט אַ געשעפט, געמאַכט אַ נישקשהדיק לעבן; די צוויי טעכטער חתונה געמאַכט, אפילו אייניקלעך זיינען אַ דאַנק גאָט שוין אויך דאָ; געשאַפן זיך דאָ פריינט, נאָענטע. דאָס לעבן איז אנגענעם, אָבער ערגעץ וואו האָט געעגבערט אַ געדאַנק: „וואָס זוכסטו ביט אַ וועג ווי צו לעגאַליזירן דיין אַריינקומען אין לאַנד?" ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם געדאַנק און עס שטענדיק אָפּגעשטופּט: מען וועט געפינען אַ וועג, פלעגט ער קלערן. און אַזוי זיינען די יאָרן געגאַנגען. אָבער איצט זיינען זיי געבליבן ווי פאַרלאָרענע. ווען די שעה האָט זיך דערנענט צו גיין זיך רעגיסטרירן, זיינען זיי ביידע מיט שרעק און טרערן אין זייערע אויגן אַוועק זיך רעגיסטרירן.

דער רעגיסטראַציע־צימער איז געווען אָנגעפילט מיט מענטשן. יעדערנס פּנים איז געווען פול מיט זאָרג. דאָס געזעענע אַרום האָט נאָך מער דערדריקט זייער ביידנס געמיט. זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן וואַנדערן איבער די פּנימער אין רעגיסטראַציע זאַל. זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט מיטאַמאָל אויף אַן עלטערן יידן, וועלכער איז געשטאַנען אין דער ריי. זיין פּנים האָט אים אויסגעזען באַקאַנט. ער איז צו נעענטער און אים גלייך דערקאַנט — חיים דער שוסטער, וועלכער האָט אַמאָל געוואוינט ביי אים אין הויף! ער האָט זיך זייער דערפרייט. אין דעם מאָמענט האָט ער אפילו פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך, און מיט גרויס פרייד אַרויפגעלייגט אויף דעם יידן זיין האַנט און אויסגעשריגן: „ר' חיים! ..."

חיים האָט פון גרויס איבעררעשונג זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַבראַמאָוויטשן, ער איז ממש צעטומלט געוואָרן פון דער פּלוצלונגער באַגעגעניש. אַ ווײַלע האָבן זיי זיך שטום אָנגעקוקט און האָבן פּשוט קיין ווערטער ניט געקענט געפינען. חיים האָט זיינע אויגן ניט געקאָנט אַראָפּנעמען פון אַבראַמאָוויטשעס פּנים. ער האָט געזען פאַר זיך אַ שטאַרק פאַרעלטערטן מענטשן.

אַבראַמאָוויטש האָט אָנגענומען חיימען פאַרן אָרעם און צוגעפירט אים צו זיין פרוי. אויך זי האָט אויסגעזען אַלט; בישטאָ מער דער שטאָלצער אויסזען; די האָר ווייס; איר שיינער אידעלער פּנים איז פול מיט איינגעקאַרבטע קנייטשן. ער האָט זי באַגריסט, אָבער ניט געוואָגט צו געבן איר זיין האַנט. פרוי אַבראַמאָוויטש האָט מיט פרייד אויסגעשטרעקט איר האַנט צו אים און מיט באַזונדער וואַרעמקייט געדריקט זייגע.

אַבראַמאָוויטש האָט חיימען דערציילט אין קורצן וועגן זייער קומען אַהער. חיימען האָט פאַרדריקט אין האַלדז און זיינע אויגן זיינען פול געוואָרן... ער האָט האַסטיק אַ זאָג געטאָן: „מיר'ן זיך זען שפּעטער" און איז אַריין צוריק אין דער ריי.

שפּעטער זיינען זיי אַלע דריי, אויפן וועג אַהיים, געגאַנגען אין שטילן שווייגן. אַבראַמאָוויטש האָט ענדלעך געבראָכן די שטילקייט און אַ זאָג געטאָן: — ר' חיים, וויאַזוי האָט איר זיך דאָ איינגעאָרדנט?

— נישט צו פאַרזינדיקן. די קינדער זיינען גוט צו מיר, אָבער עס איז דאָך שווער זיך איינצולעבן אין די יאָרן, אָבער מען לעבט.

אַבראַמאָוויטש האָט אַ קוק געטאָן אויף חיימען ווי אויף אַן אַלטן גוטן פריינט.

— איר ווייסט, די רעגיסטראַציע האָט מיך אינגאַנצן צעטומלט! גלויבט איר מ'וועט קענען דאָ בלייבן? — האָט אַבראַמאָוויטש גערעדט מער צו זיך ווי צו חיימען. ער האָט גוט געוואוסט, אַז חיים קאָן אים קיין עצה ניט געבן, האָט ער זיך געוואָלט אַראָפּריידן פון האַרצן... חיים האָט אים געוואָלט מיט עפּעס טרייסטן, נאָר ניט האָבנדיק קיין באַגריף וואָס ער קאָן אים זאָגן, האָט ער בלויז אַרויסגע־שטאַמלט: — גאָט וועט העלפן, גאָט וועט העלפן ! . . .

מיט דעם זעלביק שווערן געמיט האָט זיך אַבראַמאָוויטש אומגעקערט אַהיים. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און זיין קערפּער איז איצט געווען אַזוי מיד ווי זיין גייסט. ער איז לאַנג געזעסן און געטראַכט וועגן זיין באַגעגעניש מיט חיימען, וועגן זיין לעבן אין פּוילן. ער, דער הער אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט געפירט די גרויסע געשעפטן, אָנגעהאַלטן דעם שיינעם שטאַט; ער, וועלכער האָט אַזוי פיל יידן געהאָלפן אויף פאַרשידענע אופנים, גע'שמ'ט מיט זיין קלוגשאַפט— ער איז איצט מקנא חיים דעם שוסטער, ווייל חיים שטייט אויף אַ זיכערן באָדן. ער איז דאָך אַריינגעקומען ווי אַן עמיגראַנט... אויף אַ „קוואָטע" און ניט ווי אַ טוריסט.

אַבראַמאָוויטש איז געבליבן זיצן אויפן שטול, די הענט פאַרוואָרפן אַהינטערן קאָפּ, פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען: וואָס וועט איצט זיין? פרוי אַבראַמאָוויטש, אַ פאַרזאָרגטע האָט זיך געפּאָרעט אין קיך. די לופט אין שטוב איז געווען אָנגע־לאָדן מיט אַ קאָשמאַרנעם שווערן געמיט. אַ פּלוצלונגער קלונג אין טיר האָט אים ווי אַ טרייסל געטאָן. ער האָט זיך שווער אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען עפענען די טיר. עס זיינען אַריינגעקומען זייערע גוטע פריינט, די לעווינס. אַבראַמאָוויטש האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט זיי. ער האָט אַ רוף געטאָן זיין פרוי, און ממש אויסגעשריען: — קום אַרויס, זע ווער ס'איז דאָ ! זי האָט זיך אויך זייער דער־פרייט מיט די געסט.

— זיצט, זיצט. פאַר אַ מאָמענט האָט געהערשט אַ מאָדנע שטילקייט. עפּעס ווי ניט געוואוסט פון וואַנען אָנצוהייבן. אַבראַמאָוויטש האָט געבראָכן די שטילקייט און האָט מיט זאָרג זיי דערציילט וועגן זייער באַגעגעניש מיט חיימען, זייער אַלטן שכן אין דער אַלטער היים. זיין קול האָט זיך דערנאָך געביטן, און מיט טרויער באַמערקט:

— איצט ווייסן מיר ניט אויף וועלכער וועלט מיר זיינען.

לעווין האָט זיך צוגערוקט נענטער צו אַבראַמאָוויטשן, וועלנדיק מיט דעם לייכטער מאַכן זיין געמיט:

— זאָרגט ניט, מיין פריינט, מיר'ן זיך דורכריידן, מיר'ן אפשר געפינען אַ וועג. איך ווייס פון אַ מענטשן וועלכער האָט געהאָלפן אַ סך אין אַזאַ פאַל. דער מענטש טוט דאָס מער צוליב העלפן יידן ווי צוליב געלט.

די האָפענונגספולע ווערטער האָבן די אַבראַמאָוויטשעס פּנימער אויפגע־לויכטן. ער האָט גענומען אויספרעגן לעווינען ווי אַזוי דער מענטש טוט עס. לעווין האָט אָנגענומען זיין פריינטסביידע הענט און דריקנדיק זיי, געזאָגט:

— אַזוי שנעל ווי איך וועל זיך פאַרבינדן מיט יענעם מענטשן וועל איך אייך גלייך לאָזן וויסן. זאָרגט נאָר ניט! כ'בין זיכער אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג.

די ווערטער האָבן ווי אַ שטראַל ליכט אַריינגעשיינט אין אַבראַמאָוויטשעס געמיט. זיין שטאַרק באַזאָרגט פּנים האָט אַביסל אויפגעלויכטן. ער האָט לאַנג געדריקט זיין פריינטס האַנט און געדאַנקט אים.

ווען די פריינט זיינען אַוועקגעגאַנגען זיינען מאַן און ווייב געבליבן זיצן אויף דער סאָפע. ער האָט געהאַלטן אירע ביידע הענט אין זיינע, און צום ערשטן מאָל אין זייער צוזאַמענלעבן האָט אַבראַמאָוויטש זיך שטאַרק צעוויינט. דורך זיינע טרערן האָט ער געזוכט, כמעט כליפּענדיק זי צו באַרויקן מיט טרייסטנדיקע רייד:

— קלעם זיך ביט, מיין טייערע, דאָס זיינען טרערן פון פרייד!

עס האָט זיך דאַך באַוויזן אַ שטראַל ליכט, אַ שטראַל פון האָפענונג...

משה גלאַזער

## דער ערד־מענטש*)

דער ערד־מענטש נח
האָט געפלאַנצט אַ ווייננאָרטן—
דעם ערשטן וויינגאָרטן
אין דער וועלט.

ווען די טרויבן
זיינען צייטיק געוואָרן
האָט ער וויין געשטעלט —
דעם ערשטן וויין
אין דער וועלט.

ווען דער וויין
איז פאַרטיק געוואָרן
האָט ער זיך אָנגעטרונקען
און אַ שיכורער
איז ער אַריינגעפאַלן
אין זיין געצעלט.

נח — דער ערשטער שיכּור
אין דער וועלט.

אויף דאָס מעשהלע
האָט מען אין חומש
אַריינגעשטעלט.

*) פון ביכעלע: „מעשה בראשית", וואָס דערשיינט אינגיכן.

**יעקב זינגער**

# „אין דער סאָכע ליגט מזל־ברכה“

מענדל מאַן האָט שוין איינקאַסירט אַ שפּאָר ביסל לויב פון קריטיקער און פון לייענער, וועלכע האָבן דעם נאָך גאָר יונגן שריפטשטעלער געגעבן אַ פּאַר־דיגטן פּלאַץ ביים ליטעראַרישן טיש.. זיינע ביכער ווערן גיך אויספאַרקויפט און אויך איבערגעזעצט. דער פּרעזידענט, יצחק בן־צבי, און דער פּרעמיער, דוד בן־גוריון, זיינען צווישן זיינע שטענדיקע לייענער.

אין זיין בוך: „אויפגעוואַכטע ערד“, האָט מענדל מאַן עטלעכע נאָוועלן וועגן די נייע עולים, וואָס זיינען פונקט ווי ער געווען נע־ונד און זיינען אַדורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהינום אונטער די נאַציס און די באָלשעוויקעס, ביז זיי האָבן אָוועקגעשטעלט זייערע פיס אויף דעם אייגענעם אויסגעקעמפטן באָדן.

„אין שאָטן פון ווינשטאָק“, „אויפן מעטשעט בערגל“, „אין אַ פאַרלאָזן דאָרף“ און די אַנדערע נאָוועלן אין דעם דערמאָנטן בוך, וועלן בלייבן מאָנומענטן לדורות. זיי ווייזן בולט ווי יידן, וואָס האָבן קיינמאָל קיין אַקעראייזן אין זייערע הענט נישט געהאַלטן, האָבן זיך גיך אַקלימאַטיזירט און גענומען אויפלעבן דאָס פאַרוואָר־לאָזטע לאַנד ישראל. מ. מ. זעט ווי ציטערדיקע יידישע הערצער פון פאַרשיידענע לענדער און שטאַנדן אָרדענען זיך איין אויף באָדן. ער מאָלט די שפּאַנונג, די נשמה קאָנפליקטן און די דאגות אין אַ צאַרטן, בילדרייכן לשון, וואָס באַרייכערט אין דער זעלבער צייט אונדזער יידיש. מ.מ. שרייבט מיט ליבשאַפט צו מענטש, חיה און באָדן, ווי ער אַליין וואָלט געפילט אַז „אין דער סאָכע ליגט מזל־ברכה“. ער שרייבט:

„לייכט איז יאַסן געווען אויפן האַרצן. ער האָט געזען אומעטום יידן, געהערט יידיש לשון. ס'איז אים גוט געווען צווישן יידן, ווי גוט עס איז אַ ביישטאַמיקן צווייג, וואָס דערפילט איבער זיך דעם שאָטן פון אַ גרין בלעטערדיקע קרוין.“ (זייט 33). אויף דער זעלבער זייט דערציילט אונדז דער שרייבער ווי יאַס האָט אויף גיך געגרייט פאַר זיך אַ היים פון „ברעטלעך, טירן, כלים, שטיקלעך בלעך; פון ערגעץ האָט ער אַ ראַם פון שויבן געבראַכט... אין הויף האָט ער געפונען אַ פאַרזשאַווערטע קנויטלאָמפּ... אין הייפל איז געוואָרן ריין... אין שטוב ליכטיק...“

„שמעונען איז דאָס גרינג נישט אָנגעקומען. פון זיין געדעכעניש האָט ער שוין באַלד געהאַט אַרויסגעוואָרפן דאָס פורמאַנישע פאַך. געלעבט עטלעכע יאָר אין די לאַגערן, געהאַנדלט און געוואַנדלט נאָך דער באַפרייאונג, נאָר ווען ער האָט זיך אויף דאָס ניי באַזעצט אויף אַן אָרט און עס איז אויפגעקומען אַ יידיש געסעלע, האָט עס שמעונען אַ נעם געטאָן. עפּעס האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן ביים האַרצן...“

„לעמל סטאָליער־האָט פון דעם קאַסטן פון זיין באַגאַזש צענויפגעקלאַפּט די ערשטע טישן און בענקלעך. אינם געסל האָט ער זיך פון ערשטן טאָג אָן געפילט היימישער פון אַנדערע. עפּעס האָט אים דאָ דערמאָנט אין אוזבעקיסטאַן, וואו ער איז געווען פאַרוואָגלט אין די מלחמה יאָרן...“ **דער שרייבער דערציילט מיט פרייד:** „האָבן זיך געשפּילט די קינדער. זיי האָבן זיך צענויפגעזעצט אין אַ ראָד, אין זאַמד, און זיך צענויפגערעדט אויף פאַרשיידענע לשונות.“ **מאַמעס האָבן הויך גערופן אויפן קול:** „ה ע ר ש ע ל ע ! פ ע ר ע ל ע ! ! ... איבערן זוניקן סאַבראַ געסל האָבן זיך צעקלונגען אַ קינדעריש געלעכטער. . .“

אזוי האָבן „קאָסמאָפּאָליטן" און „בראָדיאַגעס", אויסגעוואָרצלטע ייִדן, פון שטיקלעך און ברעקלעך אָנגעהויבן בויען אַ ניי לעבן, אויף דעם אייגענעם באָדן. די דערציילונגען שפרודלען מיט ענערגיע, לעבן און אַ ווילן צו דערגרייכן. דער לייענער לעבט איבער אַלע זאָרגן פון די מענטשן אין דעם נייעם קלימאַט. ער זעט קלאָר די שטראַלן וואָס באַשיינען די פּאָר'חושכ'דיקע מענטשן. צוזאַמען מיט די בויער אַטעמט דער לייענער אַריין די גאַנצע ישראל לופט און די גיכע ענדערונגען, געשעענישן וואָס קלאַמערן זיך אין דער קייט פון דער נייער סביבה.

מענדל מאַן איז נישט בלויז אַ דערציילער; ער איז אַ מאָלער פון לאַנדשאַפט און פון שטימונג, פאַר עקסעלענץ. עס דאַכט זיך אַז דאָס בילד, דער אימאַזש איז ביי אים וויכטיקער פון דעם נאַראַטיוו. די בילדער זיינען באמת אָטעם־פאַרכאַפּנדיק. אָט איז אַזאַ בילד פון נאַטור און סביבה:

„די נעכט אויפן מעטשעט בערגל זיינען קילע. די ווינטלעך וויקלען זיך אַרום די נאַכט־מויערן, קעמען די צעשויבערטע, טרוקענע האָר פון די קריכפּלאַנצן און קרישלען דעם ליים פון די צעשאָטענע קעמל־מיסט שטיבלעך. אַן איינגע־טריקנטער פייגנבלאַט פּאַלט מיט אַ בלעכענעם געסקריפּ אויף אַ שטיין. אַן אָפּ־געבראָכענער קוסט, אַ פּאַרטריקנטער, אַ קיילעכדיקער, גיט זיך אַ קייקל פון די שטיינערנע טרעפּ ביז עס ווערט שטיל. די אונטערשטע צווייגן, די איינגעקאָוועטע, וואָס הענגען אויף די פּעכער־פּאַלמען ווי פאַרגעסענע, אָפּגעטראָגענע מלבושים אויף אַ פּלאָט, גיבן פּלוצים אַ שעלעשטש מיט טריקעניש און שטעכעניש. אין ליימיקן מויערל טוט זיך אַ וויג דאָס טירל און — ווידער שטיל..."

מ.מ. דרינגט אַריין אין יעדער שפּעלטעלע, ער זעט יעדן קוסט, אַ טרוקן צווייגל און אפילו אַ זעמדעלע לעבן אונטער זיין פוס. עס נעמט אַן אַ חשק צו זען מיט די אייגענע אויגן וואָס דער שרייבער האָט באַמאָלט. מ.מ. באַשרייבט אַלץ וואָס זיינע אויגן זעען, און אויגן האָט ער פון אַ גאָט־געבענטשטן קינסטלער. ער האָט אויך אַן אייגענעם אופן פון אויפבויען אַ דערציילונג און דאָס צוריקגיין צו סיטואַציעס און פּאַסירונגען, ווערן ביי אים ניי און אָריגינעל.

אַלס כלל, ווערן אין אַ קינסטלעריש ווערק צופאַלן נישט אָנגענומען פאַר אמת. קינסטלער היטן זיך פון אַריינברענגען צופאַלן אין זייערע ווערק. ביי מענדל מאַן זיינען זיי אָבער אַזוי נאַטירלעך אַריינגעוואַקסן אין די געשעענישן, אַז איר מוזט אים גלויבן, אַז צוליב דעם נישט זיכערן מצב און גורל, איז ביי דעם ייִדישן פאָלק אַלץ מעגלעך.

אַזוי איז מעגלעך געווען אַז יאַן (אין ישראל הייסט ער יוחנן), דער זון פון דעם ייִדישן טאַטן יאַס און פון זיין פּוילישער מוטער זאָכע, זאָל פאַלן ווי אַ העלד אין דער באַפרייאונגס מלחמה פון יאָר 1948, אויף דעם זעלבן בערגל, וואו זיין פאָטער האָט זיך באַזעצט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. און דער פאָטער זאָל זיך דורך אַ צופאַל דערוויסן, וואו עס געפינט זיך דער קבר פון זיין זון, וועמען ער האָט שוין געהאַט פאַרגעסן. אויך דורך אַ צופאַל, ווען יאַס איז שוין אַ תושב און חלומט וועגן אַ באַלעבאַטישע פאַר זיין נייער היים, קומט זאָכע, די גויאישע מאַמע פון דעם העלד, אויסלעבן זיך אירע יאָרן אין פריד, צוזאַמען מיט איר מאַן, יאַס. דאָס איז אַ געוואַגטער אופן פון שרייבן. אָבער, ווי שוין געזאָגט, אונטער די אומשטענדן וואָס ייִדן האָבן געלעבט, איז אַלץ מעגלעך געווען, און דער קינסט־

יצחק ניומאַן

# די פּרושים

(פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט)

פון אַלע פּאַרטייען און סעקטן ביי יידן, וואָס ווערן דערמאָנט אין די תלמודי־שע און רבנישע ליטעראַטור זיינען די פּרושים געווען די סאַמע אַקטיוועסטע און די סאַמע ענערגישסטע, וואָס האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם און אויך געלאָזן זייער חותם אויף דעם יידישן לעבן פאַר כמה דורות. ווי דער היסטאָריקער יאָסעפוס גיט איבער, איז די צאָל פּרושים געווען ניט מער ווי אַרום פינף טויזנט פאַמיליעס, אָבער זייער השפעה האָט דערגרייכט ווייט אַריבער זייערע גרעניצן. און ווי שווער די נייע איינפירונגען, די דינים און די תקנות פון די פּרושים זיינען געווען, האָט דער ברייטער עולם ניט נאָר זיי מיט אַ געפיל פון אַחריות אַקצעפּטירט, נייערט, אויך זיי, די פּרושים, באַערט מיט דעם טיטול: „חכמי ישראל."

די פּרושים זיינען די שאַפער פון דער תורה שבעל־פה, ד.ה., די טראַדיציאָ־נעלע יידישקייט. ווייל אויף תורה אַליין זיינען די פּרושים ניט געווען די איינ־ציקע מומחים; אויך די צדוקים, די קעגנערישע פּאַרטיי, האָט אָפּגעהיטן די תורה שבכתב, און אין אָנהויב אפילו אָנגענומען געוויסע הלכות. אָבער תורה שבעל־פה, מנהגים און טראַדיציע, דאָס האָט געגעבן די פּרושים אַ באַזונדערן כוח און אַ באַזונדערן כאַראַקטער, וואָס האַלט נאָך אָן היינט־צו־טאָג.

די ערשטע שפּורן פון די פּרושים איז צו באַמערקן שוין אין עזרא הסופר׳ס צייטן. אַ סברה אַז עזרא אַליין איז געווען איר גרינדער, און לויט נחמן קראָכמאַל און אַנדערע, זיינען די סופרים, די אנשי כנסת הגדולה, און די פּרושים — איינס. די פּרושים האָבן איבערגענומען פיל תקנות פון די סופרים און פון די אַנשי כנסת הגדולה, און זיי אַנטוויקלט צו אַ ספּעציפישן יידישן כאַראַקטער. דער פּרינציפּ פון צו זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער, צו זיין פון זיי אָפּגע־זונדערט, דאָס אייגענטלעך וואָס דאָס וואָרט „פּרושים" באַטייט. און דער לאָזונג איז געווען געצילט קעגן דער אַסימילאַציע טענדענץ פון דער צדוקים פּאַרטיי, וואָס האָט געפּרידיקט: נהיה ככל הגוים (לאָמיר זיין גלייך ווי אַלע פעלקער). און דער פּרינציפּ פון די פּרושים איז געווען אַזוי וויכטיק פאַר דעם קיום פון יידישן פאָלק, פּונקט ווי קבלת התורה, און אַזוי וויכטיק ווי דער אויפשטייג פון די נביאים מיט זייער לאָזונג פון יושר און שלום צווישן די פעלקער אויף דער וועלט . . .

---

לער האָט מייסטעריש געבויט די מעשה. אויך די באַשיידענע נעמען פון די נאָוועלן גיבן צו אַ קינסטלערישן חן.

די דאָזיקע דערציילונגען זיינען אַ לויב־געזאַנג צו דעם יידן, פאַר וועמען קיין זאַך וועט נישט זיין צו שווער, ווען ער פילט, אַז זיינע פיס שטייען אויף אייגענעם, זיכערן באָדן. דעמאָלט קען ער מאַכן מדבריות פרוכטבאַר. דער באַגאַבטער קינסטלער האָט פאַראייביקט לדורות אַ תקופה פון דעם יידישן לעבן, מיט וועלכן עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי בלאַט יידישע געשיכטע.

די סכנה פאַר דעם קיום פון יידישן פאָלק און פון יידישקייט אין יענער אומרואיקער צייט פון פאַר דער חשמונאים עפּאָכע איז געווען אַזוי גרויס, אַז די חכמים האָבן געמוזט אָננעמען שטרענגע מיטלען צו פאַרמיידן די געפאַר פון די קולטורן פון דרויסן, און דער רעזולטאַט איז געווען: די גדרים און די צוימען אַרום דער תורה, וואָס האָט געדינט ווי אַ כינעזישער מויער קעגן די דרויסנדיקע ווינטן, און ווי אַ דאַמבע קעגן די פאַרפלייצונגען פון די צדוקים און העלעניסטן, די שונאים פון אינעווייניק.

## (2)

די תורה שבכתב איז זעלטן אָפּגעהיט געוואָרן פאָלקאָם. לויט דעם ספר נחמיה איז סוכות ניט געפייערט געוואָרן פאַר אַ לאַנגע צייט און איז כמעט פאַרגעסן געוואָרן. אַזוי אויך איז געווען מיט געמישטע חתונות, און מיט געמישטע געטער. אפילו די נביאים מיט זייער ברייטער אַגיטאַציע האָבן ניט געקענט אויסראָטן ביי יידן דעם חשק און לוסט צו פרעמדע געטער, און עבודה זרה׳ס איז געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג. ערשט אין עזרא׳ס צייטן האָט עס גענומען אַ סוף צו דעם. די גמרא פאַרגלייכט טאַקע עזרא צו משה רבינו. אויב משה איז געוועזן דער באַגרינדער פון דער יידישער אמונה, איז עזרא זיכער געווען איר רעטער, ווייל ער האָט צוזאַמענגעבונדן די שארית הפליטה צו אַ נאַציאָנאַלער עדה און ניט געלאָזן זיי פאַנאַנדערפאַלן.

נאָך אַ פאַקטאָר איז געווען דאָס, וואָס די תורה שבכתב איז אַ געמיש פון לעגענדן, מיטאָסן און דינים; טייל ערנסטע, טייל פיקציע. איז דערפאַר שווער געווען פאַרן עולם זיך פאַנאַנדערקלייבן, וועלכעס איז געמיינט ערנסט און וועלכעס איז דיכטונג. ערשט די חכמים פון דער משנה און דער גמרא, וועלכע זיינען אַלע געווען פרושים, האָבן אָפּגעטיילט די לעגענדן און פאָלקס־עטיק פאַר אַגדה און די דינים געזעצן פאַר הלכה, און דערפאַר איז כדאי צו פאַרצייכענען אַז אַלע ליבעראַלע אויסטייטשונגען פון די געזעצן זיינען געווען אונטער דעם איינפלוס פון די פרושים, הגם די ערשטע קערנער פון רעפאָרם האָבן פאַרזייט די סופרים און די אַנשי כנסת הגדולה, אָבער די אַנטוויקלונג איז געווען די אַרבעט פון די פרושים.

די סופרים זיינען געווען די וואָס האָבן אָנגעוויזן, אַז אַלע נייע תקנות זיינען געבויט אויף אַ פסוק אין דער תורה, און די פרושים, זייערע נאָכפאָלגער, האָבן צוגעגעבן, אַז אין געוויסע פאַלן מעג מען עובר זיין אויף דער תורה. אַ חוץ אויף דריי זאַכן זאָל אַ ייד יאָ איינשטעלן זיין לעבן און גיין אויף קידוש השם: עבודה זרה, שפיכות דמים און גילוי עריות. ווייטער האָבן די פרושים געלערנט אַז דינים פון דער תורה זאָל מען פסקענען לויט די מנהגים פון אָרט און צייט.

די פרשים זיינען די יורשים פון די סופרים, און די נביאים האָבן ממשיך געווען די גייסטיקע ירושה פון די דורות: אַלע דרכים פון מאָראַל, יושרדיקע גערעכטיקייט פון מענטש צו מענטש; די אמונה פון די אבות און דער גלויבן אין איין גאָט. די פרושים האָבן מיט זייערע מידות געצערט און גענערט דעם יידישן גייסט. דאָס באַרעכטיקט אָנצורופן זיי: די פאָטערס פון טראַדיציאָנעלן יידנטום...

א. כראַבאַלאָווסקי

## נאַטיצן וועגן דער יידישער יוגנט אין פאַרשידענע לענדער

ד"ר סלאָוועס פון פאַריז האָט אין פעברואַר נומער 1959 „יידישע קולטור", פאַרעפנטלעכט אַ באַריכט וועגן זיין רייזע קיין מאָסקווע, אין היפוך צו אַנדערע יידישע קאָמוניסטישע פירער, לייקנט ער אינגאַנצן אָפּ אַלע מעשיות, אַז יידן ווילן ניט און דאַרפן ניט קיין יידישע קולטור. מיר ברענגען דאָ עטלעכע ציטאַטן פון דערמאָנטן אַרטיקל, באַזונדער וואָס שייך די יידישע יוגנט:

„אין דער לענין־ביבליאָטעק געפינען זיך יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען, ווי די „מאָרגן־פרייהייט" פון ניו־יאָרק, „נייע פרעסע" פון פאַריז און די ישראל קאָמוניסטישע צייטונג „פריי ישראל".

אין דער ביבליאָטעק קומען לייענען די יידיש־אויסלענדישע קאָם. פרעסע ניט בלויז עלטערע אָדער מיטליאָריקע מענטשן, נאָר אויך אַ סך יוגנטלעכע.

אויף דער פראַגע צי די יוגנטלעכע קענען יידיש — האָט ער באַקומען די תשובה: „אַנדערע קענען יידיש און די וואָס קענען ניט, קומען זיך לערנען פון די דערמאָנטע צייטונגען."

„אויף אַ יידישן קאָנצערט אין מאָסקווע — שרייבט ד"ר סלאָוועס ווייטער— האָט מיך איבעראַשט די גרויסע צאָל בחורים און מיידלעך.

„יידן, וואָס איך האָב געטראָפן אין מאָסקווע, האָבן באַשטעטיקט, וואָס שייך די יידישע יוגנט, משפטנדיק לויט זייערע אייגענע קינדער, און לויט די קינדער פון זייערע פריינט — איז צווישן גרויסע טיילן פון דער סאָוועטיש־יידישער יוגנט במשך פון די לעצטע יאָרן פאָרגעקומען אַ טיפע גייסטיקע איבערקערעניש. דיזעלביקע, ביי וועמען דאָס יידישקייט־געפיל האָט געהאַט אָנגעהויבן צו ווערן כמעט אַטראָפירט, האָבן זיך פלוצלונג אויפגעכאַפּט ווי פון חלום. ס'האָט זיך מיטאַמאָל דערוועקט ביי זיי אַן אויסערגעוויינטלעכער אינטערעס צו די פּראָבלע־מען און אַספּעקטן פון אַלגעמיין יידישן לעבן. יידישע יוגנטלעכע אינטערעסירן זיך מיט יידישער געשיכטע, מיט יידישער ליטעראַטור און קונסט אאז"וו. אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט—אַ וועלט, וואָס איז זיי פריער געווען לחלוטין אומבאַקאַנט."

מען דאַרף דערצו באַמערקן, אַז דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט פון די באַגרעני־צונגען וואָס ווערן איצט געמאַכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר דער יידישער יוגנט אַנצוקומען אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן, אויף וויכטיקערע רעגירונגס־

---

## רודאָלף ראָקער אַנדענק קאָמיטעט

אין לאָס אַנדזשעלעס האָט זיך געשאַפן אַ רודאָלף ראָקער קאָמיטעט, אַרויסצו־געבן אין יידיש זיינע פאַרבליבענע פיר ביכער: 1) „די יוגנט פון אַ רעבעל"; 2) „אין שטורעם"; 3) „רעוואָלוציע אָדער אומקער צו באַרבאַריזם" און דער פערטער באַנד, ראָקערס אָריגינעלע יידישע עסייען. פאָרזיצער פון קאָמיטעט: מאיר ווײַנטרויב; וויצע־פאָרזיצער, שמואל אַשרי; סעקרעטאַר, אליעזר דאָרין; קאַסירער, איזידאָר סטענזער. אַדרעס פון קאָמיטעט: אליעזר דאָרין, 936 נאָרט סטענלי עוועניו, לאָס אַנגעלעס 46, קאַליפ.

שטעלעס, און אין די ליבעראַלע פּראָפּעסיעס, און טאַקע אויך צוליב דעם, וואָס די יידישע קולטור, פּרעסע און יידיש טעאַטער ווערט פון דער מאַכט לגמרי אויסגעוואָרצלט.

* * *

פון דער יידישער יוגנט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — לאָמיר זיך איצט אַ אַ ווענד טאָן צו דער יידישער יוגנט אין מדינת ישראל.

אין משה גראָסמאַנס שטאַרק פּאָפּולערן זשורנאַל „היימיש", אין נומער 38־39, האָט ק. כצנלסון פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל א"נ „דער קריזיס פון מאָדער־נעם עברית." אין דער אמתן רעדט זיך דאָ וועגן קריזיס פון דער יידישער יוגנט:

„דער קריזיס פון דער ישראל־יוגנט — שרייבט ק.כ — איז אַ שווערער פּראָבלעם. אין דער ערשטער ריי באַאומרואיקט דער קריזיס די מענטשן פון גייסט, די דערציער, שרייבער, אָדער צומיינסטן — דער יוגנט גופא, און זיי פאַרבאָרגן גאָרניט זייער צעטומלעניש. די מיינונג אַז די שטאָטישע יוגנט קאָן פאַרענטפערן איר קריזיס דורך גיין אין די קיבוצים, איז אויך ניט ריכטיק; זי וועט אָנטרעפן דאָרט אויף די זעלבע פּראָבלעמען און אומפאַרענטפערטע שאלות, גורלדיקע, פּונקט אַזוי ווי זי האָט זיי אָנגעטראָפן ביי דער שטאָטישער סאַלאָן־יוגנט."

לויט דעם בילד פון דער הייַנטיקער יוגנט, שטעלט זיך ק.כ. פאָר ווי ס'וועט אויסזען די ישראל־געזעלשאַפט אין 10־15 יאָר אַרום: „ס'וועלן בלי ספק ניט זיין אַזעלכע פּאָליטישע מנהיגים ווי בן־גוריון, ניט אַזעלכע אידעאַליסטישע פּער־זענלעכקייטן ווי די מענטשן פון דער צווייטער און דריטער עליה. זיי וועלן אַמאָל געשילדערט ווערן ווי אַ דור פון ענקים (ריזן), נאָך וועלכע ס'איז געקומען די ריי אויף קאַרליקעס און עפּיגאָנען. עס וועלן ניט זיין אין דער צוקונפטיקער ישראל־געזעלשאַפט אַזעלכע באַדייטנדיקע שרייבער, פאַרטיפטע דענקער, אַר־טיסטן, ווי די די ראשונים פון „הבימה" און „קאָמרי", מענטשן מיט סאָציאַלער וויזיע און עסקנים, ווי מיר האָבן זיי היינט, וועלכע שטייען אויף די קאַפּיטאָן־פאָסטנס אין דער מדינה, אין דער קיבוץ־באַוועגונג, אין די אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן.

„עס וועלן זיין אין דער צוקונפטיקער ישראל־געזעלשאַפט אויסגעצייכנטע גענעראַלן, גוטע טעכניקער, אינזשענירן, מאַטראָזן, כעמיקער, מעדיקער, אַטאָ־מיקער, נאַטור־פאָרשער, אָרגאַנאַמען.

„אָבער ס'ליכטיקע בילד אויפן געביט פון מיליטער און טעכניק, קאָן אונדז ניט טרייסטן אויפן פינצטערן בילד אין געביט פון גייסט און געזעלשאַפטלעכקייט, ווייל דער לעצטער געביט איז דער סאַמע עיקר! דאָס איז דער באָדן אויף וועלכן ס'באַזירן די מיליטעריש־טעכנישע פונדאַמענטן. און אויב יענע באַזע איז אַ וואַקל־דיקע, קאָן חלילה איינפאַלן דער גאַנצער בנין . . .

* * *

לאָמיר איצט אַ שפּרונג טאָן צו אונדזער אַמעריקע. אין איינעם פון די פריערדיקע נומערן פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" געפינען מיר אַן אַרטיקל פון משה אהרן בן אַלטער פריד א"נ „ליטעראַרישע נאָטיצן." דאָס אונטער־קעפּל פון דעם אַרטיקל הייסט אָבער: „אונדזערע יורשים, אָך און וויי"... ס'איז אַן

אַרטיקל ניט מיט איינעם נאָר מיט אַ סך אָך־און־ווייען וועגן דער באַציאונג פון דער „געבילדעטער", ענגליש־רעדנדיקער יוגנט צו דער רייכער ירושה פון זייערע טאַטעס. מיר קענען ליידער צוליב מאַנגל אין פּלאַץ אַלע אָך־און־ווייען ניט ציטירן און מוזן זיך באַנוגענען מיט איין שטעלע פון לענגערן אַרטיקל:

„מיט אַ צייט צוריק — שרייבט דער מחבר — איז מיר אויסגעקומען בייצו־וואוינען אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אויף ענגליש. ס'איז געשפּילט געוואָרן ש. אַנסקיס „דער דיבוק". די פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן זאַל אין פּעטערסאָן (ניו־דזשורזי) אין דער געבידע פון „י.מ.ה.אַ" וואו עס ווימלט און קאָכט תמיד מיט טעטיקייטן פון דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט.

„די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן אין ענגליש. די שוישפּילער זיינען אַלע געווען אַמעריקאַנער־געבוירענע יונגע יידישע בחורים און מיידלעך. אַזוי אויך דער רעזשיסאָר און דער אָנפירער פון דער טרופּע. די פאָרשטעלונג איז מאָנאָטאָן־לאַנג אַנאָנסירט געוואָרן אין דער ענגלישער פּרעסע און אויף אַנדערע אופנים מיטן צוועק צו דערגרייכן צו די ענגליש־רעדנדיקע יידן, כדי זיי צו באַקענען מיטן אינהאַלט פון דעם באַרימטן יידישן פאָלקס־שטיק.

„גייענדיק צו דער פאָרשטעלונג, האָב איך געטראַכט, אַז איך וועל דעם גרויסן טעאַטער־זאַל טרעפן איבערגעפּאַקט מיט אַמעריקאַנער־געבוירענע מענער און פרויען. אָט האָבן זיי דאָך וואָס זיי באַגערן — ע נ ג ל י ש ! אַלץ אויף ענגליש! קיין רמז פון אַ יידיש וואָרט, נאָר אויף דער שפּראַך פון זייער טאָג־טעגלעכן געברויך.

„איך קום אַריין אין טעאַטער, ערשט דער זאַל איז פּוסט, צוויי־דריטל ליידיק. די פּאָר צענדליק מענטשן וואָס געפינען זיך דאָ זיינען אַלע אונדזערע יידן. די זעלבע מענער און פרויען מיט די גרויע קעפּ, וואָס מען טרעפט נאָך אַלץ אויף יידישע אונטערנעמונגען. מיינע בליקן נישטערן צווישן די פאַרזאַמלטע כאָטש אַ פּאָר ענגליש־ריידנדיקע יידן, די אינטעליגענץ זייערע, די כלל־טוער, די כבוד־זוכערס, די טוערס פון „יונייטעד דזשואיש אַפּיל"— ניטאָ. זיי גלאַנצן פּראָמינענט מיט זייער אָפּוועזנקייט.

„אונדזערע יורשים, אָך און ווי!"

* * *

מיר וואָלטן געקענט באַלייכטן די טונקעלע בילדער פון אונדזער יידישער יוגנט מיט אַ פּאָר ליכטיקערע שטראַלן פון די אַרויסטרעטונגען פון די קינדער און יוגנט פון אונדזערע יידיש־וועלטלעכע שולן, וואָס זיינען געשילדערט און באַשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע יידישע צייטשריפטן, ווי למשל, דער דריטער סדר פון אונדזערע לאָס אַנדזשעלעסער אַרבעטער רינג שולן, נאָך מער, פון דריטן סדר פון די שולן אין ניו־יאָרק, וועגן וועלכע דער דיכטער ב. י. ביאַלאָ־סטאָצקי און דער ליטעראַטור־קריטיקער ש. ד. זינגער האָבן געשריבן אין „קולטור און דערציאונג"; די אַרבעטן פון די קינדער פון דעם קלאַס ד' פון אַרב. רינג מיטלשול אין ניו־יאָרק וועגן שלום עליכמען, וואָס דער מיטלשול לערער, ח. ש. קאַזשדאַן, האָט פאַרעפנטלעכט אין זעלביקן זשורנאַל; וועגן די פריידיקע איבערלעבונגען וואָס אונדזער בן־עיר, פריינט אפרים העריסאָן, האָט מיט זיך געבראַכט פון אַ דריטן סדר איינגעאָרדנט פון די י. ל. פּרץ שול אין מעקסיקע,

אונטער דער לייטונג פון באַקאַנטן פעדאַגאָג א. גאַלאַמב — נאָר דאָס אַלץ וואָלט געווען צופיל פאַר די ראַמען פון דעם אַרטיקל. איך וועל דעריבער פאַרענדיקן די ציטירטע נאָטיצן מיט אַ יוגנט־פילם פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און וועגן די „וואונדערבאַרע" יידן וואָס מיר פאַרמאָגן...

דער סאָוועטישער פילם האָט געהייסן „דער געזאַנג פון פרילינג", וואָס איז געוויזן געוואָרן אין אַ פילם־טעאַטערל ביי אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס. אין דעם פילם טרעטן אַרויס נאָר יוגנטלעכע שפּילער, טענצער און זינגער פון פאַרשידענע פעלקערשאַפטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. מ'הערט דאָרט כמעט אַלע לשונות, מ'זעט די יוגנט פון פאַרשידענע אָריענטאַלישע פעלקערשאַפטן מיט זייערע טענץ און געזאַנגען, נאָר איין פאָלק און איין שפּראַך איז פאַרשטומט — די ייִדישע.

אין דעם דאָזיקן טעאַטערל, ווען מען וויזט אַ סאָוועטישע פילם, ווי למשל דעם יוגנט־פעסטיוואַל אין מאָסקווע מיט אַ צייט צוריק, פילן עס אָן עלטערע ייִדישע מענער און פרויען פון אַלע עקן שטאָט, וואָס מ'זעט קיינמאָל ניט אויף וועלכן ס'איז יידישן קולטור־אָוונט.

דיזעלביקע יידן האָבן אויך אָנגעפילט דאָס טעאַטערל צו זען דעם פילם „דער געזאַנג פון פרילינג", וואָס די סאָוועטישע יוגנט פון אַלע פעלקער און לשונות טאַנצט און זינגט, חוץ דער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד און חוץ דעם ייִדישן לשון.

ווען מ'זעט אָט־די יידן, מענער און פרויען, זיך קוויקן מיט אַ פילם וואו מען פאַרשוויגט אינגאַנצן די ייִדישע יוגנט און דאָס ייִדישע לשון — מוז מען אַ טראַכט טאָן: — ווי מאָדנע־פּאַראַדאָקסאַל איז אונדזער ייִדיש לעבן! וואָס פאַר אַ מאָדנע־משונהדיקע יידן מיר פאַרמאָגן!

ה. ווייזעל

## דער נעכטן און היינט *)

ישראל ווי אַ היימלאַנד
האָט אונדז האָפענונג געגעבן,
אויף אַ העלער פרייער צוקונפט
וואָס וועט פאַרזיסן אונדזער לעבן.

פון אַלע עקן וועלט
קומען עולים איצט אַהין;
יעדער אַרבעט און מיט חשק,
מיט ענערגיע, ווי אַ בין.

אַ נייע וועלט זיי בויען דאָרט,
כדי צו שטאַרקן אונדזער קיום;
נאָך דעם אידעאַלן מוסטער
פון די הייליקע נביאים.

די נייע עולים פון שקלאַפן־לענדער
פאַר זייער נעכטן פון נויט און פיין,
טרעטן היינט אויף אייגן ערד
און וועלן פרייע בירגער זיין.

ליכטיק וועט די זון דאָרט שיינען
פאַר דער וועלט צום זען:
דעם היסטאָריש גרויסן וואונדער
וואָס ווען עס איז געשען.

*) ווי דאָס פאָלק זינגט אויס זיין ליבע און התלהבות צו ישראל.

# ליטעראַרישע שבת-צונאַכטן אין יידישן קולטור קלוב

שבת אָוונט, דעם 17טן אָקטאָבער, 1959, איז געפייערט געוואָרן דער 33טער יובל פון יידישן קולטור-קלוב. אין דער מוזיקאַלישער טייל פון דער פייערונג איז אויפגעטראָטן דער באַוואוסטער פידל-ווירטואָז, טאָשע זיידל, און דער פּיאַנאָ קינסטלער שעגאָן געלסאָן. מיט פאַרלייענונגען איז אויפגעטראָטן דער וואָרט-קינסטלער יעקב ניומאַן. מיט אַ באַגריסונג, דער באַקאַנטער קולטור-עסקן, שלמה האָכבערג; מיט דערעפענונגס רעדע וועגן 33 יאָר יידישער קולטור קלוב, דער פאָרזיצער פון דער פייערונג, י. פרידלאַנד.

* * *

שבת, דעם 31טן אָקטאָבער — אַ יוסף אָפּאַטאָשו געדענק-אָוונט. שמואל סיגל, באַקאַנטער פּעדאַגאָג, האָט רעפערירט וועגן אָפּאַטאָשוס שאַפונגען; יעקב ניומאַן — מיט אַ פאַרלייענונג.

* * *

שבת, דעם 7טן נאָוועמבער, איז אויפגענומען געוואָרן דעם דיכטער מאַטעס דייטשס נייעם בוך לידער: „צום נאָענטסטן שטערן—יידיש". באַטייליקטע אין דעם אָוונט: די וואָרט-קינסטלער, חיים אָסטראָווסקי און יעקב ניומאַן, מיט רעצי-טאַציעס פון דעם דיכטערס נייע לידער; מיט אַ באַגריסונג פונדי קאַלעגן ביים זשורנאַל „ח ש ב ו ן" האָט דער דיכטער פּינטשע בערמאַן; מיט ביבליאָ-גראַפישע נאָטיצן און באַמערקונגען וועגן דייטשס שאַפונג — י. פרידלאַנד; מיט אַן אָפּשאַצונג, פון דעם שריפטשטעלער זלמן זילבערצוויג. און דער מחבר: מיט וואָרט און ליד. אָנגעפירט מיט געזאַנג בציבור האָט פריינט א. קאַמינקער.

* * *

שבת, דעם 14טן נאָוועמבער — אַ סימפּאָזיום איבער: „דער מצב פון אונ-זוער יידישער דערציאונג". באַטייליקטע : די באַקאַנטע פּעדאַגאָגן, שמואל סיגל און דר. דוד ברידזשער, און דער רעדאַקטאָר פון „חשבון" י. פרידלאַנד. פאָר-זיצער, יעקב ניומאַן, מיט אַן אַריינפיר מכוח דעם ענין.

* * *

שבת, דעם 21טן נאָוועמבער — אַ יעקב גאָרדין געדענק-אָוונט. זלמן זיבער-צוויג, מחבר פון טעאַטער לעקסיקאָן, מיט אַן אָפּשאַצונג פון יעקב גאָרדינס שאַפונגען; יעקב ניומאַן — מיט אַ לענגערן אַריינפיר; די שוישפילער: צילע סילווער, ס. דזשייקאָבסאָן, א. שוואַרצקאָפּ, בעסי באָום, און נעלי גרין — אין פראַגמענטן פון גאָרדינס „מירעלע אפרת."

* * *

שבת, דעם 28טן נאָוועמבער — דערעפענונג פון חודש פאַר דעם יידישן בוך. הערי לאַנג, באַקאַנטער זשורנאַליסט און לעקטאָר — מכוח דאָס יידישע בוך; לי מיירא, באַקאַנטע פאָלקס-זינגערין, מיט אַ ציקל יידישע און העברעאישע לידער.

**וווערט אַ מיטגליד אין יידישן קולטור קלוב**—די קולטור-היים פון יידישן יידישן סעקטאָר אין לאָס אַנגעלעס. מ. ל. קאָפּעלאָף, סעקר., 4213 מאָנראָו, ל.א.

# דערהאַלטענע ביכער אין דער רעדאַקציע

ד"ר שלמה סיימאָן: „אין די טעג פון די ערשטע נביאים". אין דעם דאָזיקן באַנד זיינען דאָ אָפּהאַנדלונגען וועגן די נביאים: דבורה, שמואל, גד, נתן, אחיה השילוני, אליהו, אלישע און יונה.

חוץ די דערמאָנטע קאַפּיטלען זיינען דאָ אין בוך פיר עסייען וועגן ענינים, וואָס באַאומרואיקן יעדן מאָדערנעם יידן. ס'איז אַ גרינטלעך וויסנשאַפטלעך ווערק, אָבער געשריבן אויף אַזאַ אופן, אַז דער דורכשניטלעכער לייענער וועט עס פאַרשטיין און באַנעמען. צו קריגן ביים מחבר: ד"ר שלמה סיימאָן, 215 איסט דריטע גאַס, ברוקלין, נ.י., און ביים פאַרלאַג „ציק"אָ, נ.י. אַרויסגעגעבן ביים פאַרלאַג „קיום", בוענאָס איירעס.

* * *

ח. באַרקאַן: „מיין שטעטל אונגען", פּאָעמע, צוויי טיילן. אַרויסגעגעבן אין פילאַדעלפיע, גראַס דרוקעריי, 1959, 180 זייטן.

* * *

חיים ליבערמאַן: „דער רבי און דער שטן"—סאַטמאַר און די נטורי קרתא אין זייער מלחמה קעגן מדינת ישראל. אַרויסגעגעבן פון קאַמ. פאַר ישראל, פאַרגרעסערטע אויפלאַגע, ניו־יאָרק, 1959, 132 זייטן.

* * *

משה גלאַזער: אַ נייַ ביכל לידער—„מעשה בראשית". פאַרלאַג „משה", שערבלאַט געצייכנט פון ב. מלכי און אילוסטראַציעס פון „צאינה וראינה." צו באַקומען ביים מחבר, 1510 סאַוט סטענלי עוו., לאָס אַנגעלעס 19, קאַליפ.

* * *

ל. מילער: „אייביק לעבן" (לידער). נייע געקליבענע לידער 1909-1959. שער־בלאַט געצייכנט פון משה קיש, פאַרלאַג „יידיש אַמעריקע", נ.י. 188 ז.

* * *

יעפים ישורון: ביבליאָגראַפישע אָפּדרוקן פון ווייטערע דיכטער, שרייבער, געלערנטע און וויסנשאַפטלער: שמואל ניגער, ש. יאַנאָווסקי, אַב. קאַהאַן, שלמה עטינגער, אַלעקסאַנדער צעדערבוים, יצחק לייבוש פּרץ, מענדעלע מוכר ספרים, ב. ריווקין, ד"ר הערמאַן פראַנק, ד"ר יעקב שאַצקי, נחום ברוך מינקאָוו, א. לוצקי, משה לייב האַלפּערן, מאַני לייב, ז"ל, און — זיי צו אריכת ימים — מלך ראַוויטש, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי און הלל ראָגאָף.

* * *

יאַנאָס טורקאָוו: „דזשאָו פּאָול" (דער מענטש מיט אַ גרויס הארץ) מיט אַ הקדמה פון סאַלאָמאָן קאַהאַן. אַ ביאָגראַפיש בוך פון אַ יידישן פאָלקסמענטש. אַרויסגעגעבן אין בוענאָס איירעס, 1959.

* * *

## זשורנאַלן און צייטשריפטן

„זייד", „אויפסניי", „אויפן שוועל", „אַמעריקאַנער" — ניו־יאָרק. „פרייַלאַנד"—פּאַריז; „אילוסטרירטע בלעטער", „דער שפּיגל", „שריפטן", „אַרגענטינער בוימעלעך", „דאָס פרייע וואָרט"—בוענאָס איירעס, אַרגענטינע. „די שטימע", „דער וועג", „מעקסיקאַנער בלעטער"—מעקסיקאָ, „היימיש", ישראל.

---

**אויפמערקזאַם!** ס'איז נאָך פאַרבליבן אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן פון י. פרידלאַנד'ס נייעם בוך דערציילונגען: „וואַנדערונגען און נסיונות"; פון מאַטעס דייטש'ס נייעם בוך לידער „צום נאָענטסטן שטערן—יידיש" און פון נח גאָלדבערג'ס בוך דערציילונגען „אויף צוואָרפענע וועגן." צו באַקומען אין רעדאַקציע פון „חשבון", 4375 סאַנסעט דרייוו, לאָס אַנדזשעלעס 27, קאַליפ.

---

**ס'איז אַריין אין דרוק:** פּינטשע בערמאַנ'ס אַ בוך לידער און יעקב זינגער'ס אַ בוך דראַמען. די דערמאָנטע צוויי ביכער דרוקן זיך אין דעם י. ל. פּרץ פאַרלאַג, תל־אביב, ישראל.

# חבל על דאבדין ולא משתכחין

צו אונדזער גרויסן צער און באַדויער קומט אונדז אויס אין יעדן נומער צו דערמאָנען נפטרים, די פריצייטיק אַרויסגעריסענע פון אונדזער יידיש קולטורעלע און שרייבערישע מחנה:

**חוה דראָזד:** אונדזער אַלעמענס באַליבטע קולטור־טוערין, איז דעם 15טן נאָוועמבער געשטאָרבן אין אַ שפּיטאָל אין ברוקלין. חוה איז געווען אַן אַקטיווע טוערין אין דעם „ייווא״ קאָמיטעט, פּיאָנערן פרויען און אין די ביכער קאָמיטעטן. די הויז פון די דראָזדס איז געווען אַ פריינדלעכע און אַן אָפענע פאַר וויכטיקע קולטורעלע און ליטעראַרישע מסיבות. אונדזער האַרציק וואָרעמע טרייסט צום ליבן חבר מאיר דראָזד, דער פאַרשטאָרבענערס געטרייען מאַן און חבר. כבוד איר הייליקן און לויטערן אָנדענק.

* * *

**ע. פערשלייסער:** דער באַוואוסטער דערציילער, זשורנאַליסט און ליטעראַטור קריטיקער, איז אין עלטער פון 63 יאָר פלוצלונג געשטאָרבן, דעם 20טן נאָוועמבער. פערשלייסער האָט זיך קונה־שם געווען אין דער ליטעראַרישער וועלט מיט זיינע קרעפטיקע שילדערונגען פון יידישן לעבן, מיט זיינע אויסגעצייכנטע עסייען און קריטיקן איבער ליטעראַטור. זיין לעצטער בוך עסייען: „אויף שרייבערישע שליאַכן״, וואָס איז ניט לאַנג צוריק דערשינען, האָט געמאַכט אַ רושם אין דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט. (זע זיין אָפּהאַנדלונג וועגן ש. מיללער, וואָס ער האָט צוגעשיקט ספעציעל פאַרן „חשבון״.

* * *

**עזרא קאָרמאַן:** באַוואוסטער דיכטער, מחבר פון אַ צאָל אָריגינעלע ווערק און איבערזעצונגען, איז אין חודש נאָוו. נפטר געוואָרן אין דעטראָיט. זיין לעצט ווערק, אַ בוך לידער: „צייכנס און צירופים״, איז לעצטנס דערשינען אין י. ל. פרץ פאַרלאַג אין תל־אביב.

* * *

**יצחק ליבמאַן:** באַקאַנטער שריפטשטעלער, רעדאַקטאָר פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן די שריפט במשך פון אַ פערטל יאָרהונדערט, איז נפטר געוואָרן אין נאָוועמבער, אין עלטער פון 58 יאָר.

* * *

כבוד זייער הייליקן אָנדענק!

* * *

**אין דעם למען תזכור,** אין לעצטן נומער „חשבון״ פון די פאַרשטאָרבענע שרייבער, במשך די לעצטע פאַר צענדליק יאָר, וועלכע האָבן געלעבט און געשאַפן אין לאָס אַנגעלעס, האָט דער שרייבער ש. דאַמניץ פאַרפעלט צו דערמאָנען די חשובע שריפטשטעלער: קלמן מרמר און חיים שויס. (אַ דאַנק דעם חשובן דיכטער מלך ראַוויטש פאַר דער דערמאָנונג).

## תיקון טעות

אין נומער 17 „חשבון״ האָט דער שרייבער יצחקי, ריידנדיק מיט האַרצווייטיק וועגן דעם פיינלעכן מצב פון יידישן בוך, האָט ער צווישן אַנדערן באַמערקט: „אַז ער ווייסט פון אַ וואוילן יידן וואָס פאַרקויפט אַ יידיש בוך צו זיינע גויאישע קונדן.״ דער חשובער ליבער חבר האָט אונדז אויפמערקזאַם געמאַכט דעם טעות, אַז „ניט צו גויאישע קונדן, נאָר צו פאַרגויאישטע יידן״—וטעות לעולם חוזר...

---

**אויפמערקזאַם!** באַניִט אייער אַבאָנימענט אויפן זשורנאַל „חשבון״. וואַרט ניט מ׳זאָל אייך דערמאָנען עטלעכע מאָל. ס׳איז אייער חוב אויפצוהאַלטן אַ שריפט אויף יידיש, וואָס דערשיינט אין דער גרויסער יידישער לאָס אַנגעלעס.

## אונדזער ווילי שאָר — אַ פינף-און-זיבעציקער

דער באַקאַנטער לאָס אַנגעלעסער קולטור־עסקן איז געוואָרן אַ פינף־און־זיבעציקער. אַ צאָל אַנגעזעענע שריפטשטעלער און דיכטער אין ניו־יאָרק, וועלכע שאַצן אָפּ זיין אַרבעט און ערנסטע איבערגעבנקייט צום יידישן וואָרט און יידיש בוך, האָבן עפנטלעך אויסגעדריקט זייערע ברכות און גוטע וואונטשן צו ווילי און ליזאַ שאָר דורכ׳ן „אידישן קעמפער.״

די פאָלגנדיקע ל. א. פריינט, ווי אויך די מיטאַרבעטער און רעדאַקציע פון „חשבון״ דריקן אַלע אויס אונדזער וואַרעמסטע אַנערקענונג און ברכות צו די שאָרס — אַ סך געזונט און אריכת ימים. זיי זאָלן צוזאַמען ממשיך זיין די גוטע אַרבעט לטובת אונדזער יידישער קולטור עד מאה ועשרים...

באַשקע און חיים שאַפּיראָ
ציריל און מאַקס דייוויס
שפרה און אַלעקס ראַבין
שיינדל און חאַצקל סיגעל
דזשעני און יוסף וויינמאַן
מילי רויזענבלאַט
ברכה קודלי און פּ. ריסקין
גאָלדע שלאָסבערג אַרפּין
מאַטל מייזל
יעקב קאַץ
משה קאַפּלאַן
א. כראַבאָלאָווסקי
יוסף גאָלדבערג
גאָסי און אהרן אייעראַף
עלסי און פנחס ראַפּאַפּאָרט
גוטשע און משה שולוויים
חייקע און באָרים ווינער
אַנאַ און ראובן פּלאַווקין
צילי און שלמה צוקערמאַן
יעטאַ און שמחה גרעי

מוסי און יצחק פרידלאַנד
יעטאַ און ז. בונין
פעני און פינטשע בערמאַן
בעסי און מאַטעס דייטש
לאה און נח גאָלדבערג
יצחק ניומאַן
לובאַ און אברהם באַביטש
חייקע און משה גלאַזער
לובע און ש. ברייניןִ
מאַני און מאָרים פאַרבער
ה. ווייזעל
נתן פאָדעמבערג
ש. קאַרפּמאַן
שפּאַנקע גרינבערג
יהושע אַלקאַן
וויליאַם פרידמאַן
חבר און חברה אבראַמס
חבר און חברה י. טילים
חברה סאַרטאַ
אַלי און יעקב זינגער

רחל און מאָרים דייטש

---

**שוין דערשינען!** וויליאַם נאַטאַנסאָנס נייער בוך עסייען: „קולטור־קוואַלן,״ איז נאָר וואָס אַרויס פון דעם פאַרלאַג „ייד־בוך״ אין בוענאָס איירעס. וועט גאָר בקרוב אָנקומען קיין לאָס אַנגעלעס. אין קומענדן נומער (21) „חשבון״ וועט זיין אָפּגעדרוקט אַן אָפּהאַנדלונג איבער נאַטאַנסאָנס בוך פון אונדזער חשובן מיט־אַרבעטער, ד״ר חיים ראַטבלאַט.